ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# בית מרדכי טשערנאבעל

**29**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תש"ל לפ"ק

ספר

# בית מרדכי

אין דיזען ספר ווערד ערצייעלט זייער ווינדערליכע זאכען וואס עס האט זיך פאסיערט ביא דעם רבי'ן ר' מרדכי מטשערנאבעל זי"ע. דער זוהן פון דעם היילינגען רבי'ן ר' נחום מטשערנאבעל זי"ע:

אויך ווערד ערציילט אין דיזען ספר א ווינדערליכע געשיכטע פון רבי'ן ר' ישראל מריזין זי"ע:

ווארשא.

שנת תרפ"ז לפ"ק

# בית מרדכי

## זעהר אוינדערליכע ערצעהלונג פון דעם רבין ר׳ מאטעלע טשערנאבעלער זכרונו לברכה:

איינמאהל איז דער הייליגער רבי מאטעלע טשערנאבעלער זכרונו לברכה אין א טייל זאגען אז דאס איז געוועזען ביים זיין פאטער דער הייליגער רבי ר׳ נחום זכרונו לברכה איז געקומען אין א שטאט אריין. און ער איז דארט פערבליבען אויף שבת, אין אזוי וויא זיין גוטער נאמען אין צדקות און אין מופתים איז דאמאלסט זייער בעוויסט געוועזען האבען זיך אין דער שטאט צו נויף געזאמעלט זייער פיהל מענטשען אין יעדער איינער האט געזיכט א מיטעל וויא אזוי ער זאל קענען אהבקומען צום רבין ר׳ מאטעלע איז איינער געפאלען אויף א המצאה אין ער איז ארויס געפאהרען צו זיינעם א בעקאנטען פריץ וועלכער האט געהאט ארום גייען קארפאטוועס אין ער האט ביים איהם געוואלט קויפען קארפאטוועס. אבער דאה איז געשעהן א וואונדערליכע זאך אזוי ווי מען האט געוואלט האפען די קארפאטוועס זענען זיי זיך אלע צו לאפען אין באלד אוועק געפלויגען דאס עס איז בשום אופן נישט מעגליך געוועזען זייא צו חאפען דער פריץ איז זייער ביין געווארען אין ער האט דעם פארביק געהייסען דערשיסען עטליכע קארפאטוועס, אין געגעבען דעם יוד, אבער דער יוד האט איהם אויפמערקזאם געמאכט דרויף דאס א יוד טאהר דאך אזעלכעס וואס איז נישט געשאכטען געווארען עסען אזוי וויא דער יודישער דין איז . דרובער וועט דאך דערפון גאהר נישט ארויס קומען פאר זיינעט וועגען קען ער נישט נעמען גאהר ליעבעדיגע. דער פריץ איז זייער צארענדיג געווארען אין ער האט געזאגט דאס ער האט נאך קיינמאהל אזוי אפאקס נישט געהאט דאס

אלע

אַלע קאַרפּאַטוועס זאָלען אַנטלויפען און אין אַזוי אַ שנעלען טעמפּא אַוועק פליהען, אָבער זייער ווינדער איז נאָך גרעסער געווען זעהענדיג ווי אַ איין קאַרפּאַטווי זייער אַ פעטע איז צוריק געקומען פליהען און איז גלייך צו געפלויגען צו דעם יוד כמעט ווי אין די הענד אריין, און ער האָט אויסגעשטרעקט די הענד האָט זי זיך געלאָזט פאַנגען גלייך ווי זי וואָלט איהם געבעטען דאָס ער זאָל זי נעמען, דער פריץ האָט געהייסען וואַרטען אפשר וועלען די רעשט איהרע חברטעס אויך איהר נאָכטהון, אָבער זיי האָבען געוואַרט ביז פארנאַכט און די רעשט זענען אפילו נישט צוריק געקומען נעכטיגען, באין ברירה האָט דער יוד געמוזט זיך בענוגען לאָזען מיט דער איינער קאַרפּאַטווע. און ער איז געקומען אין שטאָט אריין און ער האָט די קאַרפּאַטווע איבער געגעבען דעם רבין ר׳ מאָטעלעס משמש:

זעלבסטפערשטענדליך דאָס דעם משמש איז גאָהר נישט אַזוי איינגעפאַלען ער זאָל אריין צום רבין און דערציילען וואָס פאַר אַ פלייש עס איז דאָ און אויך דער רבי ר׳ מאָטעלי האָט זיך קיינמאָהל נישט פעראינטערעסירט מיט אַזעלכע זאַכען דרובער ווי פערווינדערט איז דער משמש געוואָרען ווען דער רבי האָט איהם אַריינגערופען און געפרעגט צו ער האָט שוין דאָס גאַנצע פלייש צו געגרייט אויף שבת און וואָס פאַר אַ פלייש, דעם משמש איז די זאַך געווען אַ רעטעניש דען אַזעלכע זאַכען האָבען דעם רבין קיינמאָהל נישט פעראינטערעסירט. און וואָס איז היינט געשעהן מעהר ווי אַלע מאָהל, ער האָט אָהנגעהויבען צו רעכינען פערשידענע פליישען געענדז, קאַטשקעס, הינער, אינדיקעס, און אין דער קאַרפּאַטווע האָט ער געהאַט אין גאַנצען פערגעסען ווייל חסידים פלעגען זיך צו דערווייטערען דערפון אין בפרט נאָך ער זאָל דאָס געבען שבת צום טיש האָט ער גאָהר נישט אין זינען געהאַט, אָבער ווי ער האָט שוין געהאַט אויסגערעכענט אַלע פליישען אין דער רבי האָט איהם געזאָגט דאָס ער מיינט נישט אַזעלכע פליישען נאָהר ער האָט איהם אויף דעם אַריינגערופען ווייל ער וויל וויסען צו עס איז נישט דאָ אויף דעם היינטיגען שבת אַ נייע מין פלייש וועלכעס עס איז דאָך נאָך קיינמאָהל נישט געווען ביים טיש, דאַמאָלסט האָט זיך הערשט דער משמש דער מאַנט אין דער קאַרפּאַטווע אין ער האָט שוין אָהנגעהויבען צו פערשטיין אַז די זאַך מיט דער קאַרפּאַטווע איז עפּיס נישט אַ גלאַטע טרעפונג, האָט ער געזאָגט יאָ איך

איך

איך האָב מיך דערמאַנט אַ פרעמדער יוד האָט געבראַכט אײן קאַרפּאַטווע, נאָהר ווײל איך האָב געהערט דאָס חסידים דערווײטערען זיך פון צו עסען קאַרפּאַטווען האָב איך כמעט דאָס נישט געוואָלט צו נעמען אין בפרט מאַכען דאָס אויף שבת צום טיש, דרובער האָב איך דאָס נישט דעם רבין געדערכענט, דער רבי ר׳ מאָטעלע האָט געזאָגט צום משמש דיא הערסט דיא קאַרפּאַטוויס זאָלסט די מאַכען אויף שבת נאָהר דיא זאָלסט פון איהר גאָהר נישט אַראָב נעמען אין גאַנצען אָבבראָטען אין דערלאַנגען צום טיש, דער משמש האָט אַזוי מקיים געוועזען אין דער רבי האָט איהם אָהנגעזאָגט, אין פרײטאָג צו נאַכטס האָט דער משמש געוואָלט אַרויף געבען צום טיש דיא געבראָטענע קאַרפּאַטווע, אָבער דער רבי האָט איהם געהײסען בעהאַלטען אויף שבת אין דער פריא אַזוי וויא דער דין איז אין שולחן ערוך אַז דער כבוד פון שבת אין דער פרי איז גרעסער וויא דער כבוד פון פרײטאָג צו נאַכט׳ס דאַרף מען אַ חשובער מאַכל צו בעהאַלטען אויף אין דער פריעדיגער סעודה, דער משמש האָט דיא געבראָטענע קאַרפּאַטוועלע צוריק גענומען אין ער האָט עס פערשלאָסען אין אַ שאַנק אַרײן וועלכע איז געשטאַנען אין זײן חדר אין דאָס שליסעלע האָט ער זיך צו גענומען, אין ער האָט דאָס געהאַלטען אין קעשינע, וויא געוועהנליך האָט דער טיש געדוירט ביז שפעט בײא נאַכט ווײל עס איז געוועזען אַ גרויסער עולם אין יעדער האָט געשטעלט משקה אין געטרונקען לחיים, מען איז אַוועק געגאַנגען פון טיש אין דער רבי איז אַרײן געגאַנגען אין זײן חדר זיך לײגען שלאָפען, אין דער משמש האָט זיך אויך געלײגט שלאָפען, פלוצלונג האָט זיך דער רבי אויפגעהויבען פון בעט, אין ער איז אַרײן געגאַנגען אין דער צווײטער שטיב וויא דיא חסידים האָבען געהזרט דעם טיש, אין אַ טײל האָבען געלערענט דיא חסידים זענען זײער דערשראָקען געוואָהרען זעהנדיג דאָס דער רבי האָט זיך אויפגעהויבען פון-בעט אין מיטען דער נאַכט, אין זײא האָבען פערשטאַנען דאָס עס איז נישט קײן פשוטע זאַך, דער רבי האָט געהײסען אויף וועקען דעם משמש אין איהם הייסען שוין אַרײן גײן צום רבי׳ן, אַוועק גײענדיג האָט ער זײא אויך געזאָגט זײא זאָלען איהם דערמאַנען צו וואַשען דיא נעגעל ווײל דורך דעם פלוצלינגען אויפוועקען קען ער נאָך אַ מאָהל פערגעסען זיך צו וואַשען דיא נעגיל, דיא חסידים זענען תיכף אַרײנגעלאָפען צום משמש אין איהם אויפגעוועקט אין געזאָגט דאָס דער רבי האָט איהם שוין געהײסען אַרײנקומען, דער

משמש

משמש האָט זיך אויפגעהויבען אין איז אַריין געגאַנגען צום רבין. גייא אין ברענג שוין אַריין דיא קאַרפּאַטווע האָט דער רבי איהם בעפויהלען, דער משמש האָט זיך זייער געוואונדערט נאָך וואָס זאָל ער איהם הייסען יעצט אַריין נעמען איז דען יעצט נאָך אַ האַלבער נאַכט אַצייט פון עסען אין בפרט נאָך דאָס דער רבי אַליין האָט דאָך איהם געהייסען בעהאַלטען דאָס געבראָטענס אויף אין דער פריא צום טיש, דרובער האָט ער גערעכענט דאָס דער רבי מיז אַוודאי מורה האָבען אַז מען זאָל דאס נישט אַרויס גנבענען, האָט ער געזאָגט וואָס האָט דער רבי מורא עס וועט זיך עמיצער אונטער שטעלען בייא מיר אין שטיב צו גנבענען אין אפילו עס זאָל ווער פרובען איז דאָך דיא שטיב גיט פערשלאָסען אין די טוהרען קען מען אויך נישט אויפברעכען אין דאָס קעסטיל האָב איך אַליין פערשלאָסען איך האָב דאָס שליסעלע פון קעסטיל:

**דער** רבי ר׳ מאָטעלע האָט געגעבען אַ געשרייא צו דעם משמש עס איז יעצט נישט קיין צייט צו האַלטען קיין וויכוחים, באָהר לויף געשווינד אין ברענג אַ הער דאָס גאַנצע געבראָטענע עוף אָהן אַ שום עיכוב ותירוץ, דער משמש איז תיכף געגאַנגען ברענגען דאָס עוף אָבער וויא פערוואונדערט איז ער געוואָהרען ווען ער האָט אויפגעשלאָסען אין געזעהן דאָס אַנעכבר איז אַריין אין דער שאַפע אין האָט אָהנגעהויבען צו עסען פון דעם עוף דער משמש איז שטאַרק דערשראָקען געוואָהרען ווייל ער האָט גיזעהן פון אָהנהייב אָהן דאָס מיט דער קאַרפּאַטווע איז נישט פשוט אין דאָה מיז עפּיס זיין אַסוד פון דיא סודות הגילגול, אין ער האָט דאָס עוף תיכף געברענגט צום רבין אין ער האָט איהם דערציילט דאָס ער האָט קיין שום שולד דערינען ווייל ער האָט דאָס שענקעל גיט פערשלאָסען, אָבער עס איז איהם נישט איינגעפאַלען דאָס עכברים זאָלען אויף ברעכען דאָס ווענטעל פון דער צווייטער זייט אין אַזוי אַרום זיך צו קריגען צו דער קאַרפּאַטווע. אין אַז ער האָט אויף געשלאָסען איז איין עכבר געשטאַנען אין געגעסען פון דעם עוף, דער משמש האָט גערעכענט דאָס דער רבי וועט פער געוויס נישט עסען פון דעם עוף ווייל ער וועט הערען דאָס אַנעכבר האָט דערפון געגעסען, אָבער וויא גרויס איז געוועהן זיין פערוואונדערונג זעהענדיג דאָס דער רבי האָט פון אַהם צו גענומען דאָס עוף, אין ער האָט עס גענומען עסען אין ער האָט צוקייעט אפילו יעדען ביינדל דערפון, ער האָט עס אין גאַנצען אויפגעגעסען, דער משמש איז געשטאַנען אַזוי וויא אַ ציטומעלטער, ערשטענס האָט ער נאָך

נישט געזעהן דעם רבין עסען אזוי פיהל פלייש, צווייטענס האָט ער דען איינער אליין ווייניג געהאַט אַזאַ גרויסע קאַרפאַטווע דאָס ער האָט געדאַרפען צו קייען אלע ביינדלעך וועלכעס אפילו אַ פּראָסטער מענטש וואָלט אויך נישט אַזוי פיהל געגעסען, און מעהר וויא אויף דעם אלעם איז איהם געוועזען אַ גרויס וואונדער וואָס איז דאָס עפּיס האלבע נאַכט אויף צו שטיין פון בעט און נעמען זיך עסען, מילא וואָס ער האָט איהם געהייסען אויף וועקען ער זאָל דאָס געבראָטענס געך אַריין ברענגען קען ער שוין פערשטיין ווייל דער רבי האָט געוויסט דאָס עס האָט זיך דאָרט אריין געהאַפּט עכברים, אָבער אַז ער האָט דאָס שוין אַריין געברענגט צום רבין אין שטיב אַריין האָט ער איהם דאָך געקענט עס הייסען באַוואָהרענען דאָס קיין עכברים זאָלען דערצו נישט צו קימען אָבער נישט שוין מיט אַ אַמאָהל עס אונגאַנצען אויפעסען:

דער רבי ר׳ מאָטעלע האָט בעמערקט אין דעם משמש דאָס ער שטייט און וואונדערט זיך זייער אויף דער מעשה וואָס ער האָט יעצט געזעהן פון איהם, האָט ער איהם צו געטראָפען און געזאָגט קום אַ הער וועל איך דיר ערקלערען די גאַנצע רעטעניש דיינע מיט דער קאַרפּאַטווע, פון אָנהייב איז דיר נישט איינגעפאַלען דאָס איך זאָל עסען אַ קאַרפּאַטווע, דער נאָך האָסט דיא געזעהן דאָס איך האָב געגעסען נאָך דעם וואָס אפילו דיא עכברים האָבען עס געגעסען וועלכעס קיין אנדער פלייש אויב איך זאָל געוועז געוואָהר ווערען דאָס אַנעכבר האָט דער פון גיגעסען וואָלט איך בעשטימט דערפון נישט געגעסען. און בפרט האַלבע נאַכט זיך אויפהייבען און עסען יעדען ביינדעלע אלזא זאָלסט די וויסען אַז אין די קאַרפּאַטווע איז געוועזען מגולגל אַ חסיד וועלכער איז בייא זיין לעבען צו אונז געפאָהרען און ער האָט מיך געבעטען אַז איך זאָל איהם אַ טובה טהון און מתקן זיין דרובער האָב איך געמוזט פערברייגען און עסען אַ קאַרפּאַטווע צוליב מתקן צו זיין אַ יודיש נפש, אָבער ווען דיא האָסט מיר ביינאַכט צוגעברנגט דאָס עוף צום טיש בין איך זייער מיעד גיוועזען און עס איז מיר שווער געוועזען דאָס עוף מתקן צו זיין האָב איך דיך דרובער געהייסען עס איבער לאָזען אויף דער אנדער פריאונדיגער סעודה. אָבער אַזוי וויא איך האָב מיך געלייגט שלאָפען איז דער חסיד צו מיר געקומען מיט אַ גרויס געוויין און געשרייא איך זאָל אויף איהם רחמנות האָבען ווייל ער האָט געהאַט אָהן אַשיעור יסורים און איידער ער איז אַריין און דעם כשרן עוף איז אַז אַ יוד זאָל עס קויפען און אַז

ער האט שוין געהאט אזוי אגרויסען זכות דאס עוף זאל קומען צו מיין טיש האט ער געמיינט דאס ער איז שוין געווויס א געהאלפענער, אין דרובער איז ער מיך געקומען בעסען דאס איך זאל עסען פון דעם עוף אין לסוף איז אויף איהם געוועזען אזעלכע גרויסע קיטרוגים דאס זייא האבען בעקומען רשות אז דיא עכברים זאלען דאס עוף אויפעסען אין ווען אפילו איך זאל עס געוועזען שטעלען אויף דער זיכערסטען ארט וואלטען זייא געוועזען געטהון כל מיני התפעלות אין וואלטען עס געוועזען בעקומען, אין דרובער ווייל איך האב אויף איהם שטארק רחמנות בעקומען האב איך מיר א גרויסען כח געטהון אין האב עס יעצט האלבע נאכט געגעסען, נאהר ווייל דיא עכברים דיא רשעים האבען אהנגעהויבען דערפון צו עסען האבען זייא געמאכט דרונען אזוי א פגם דאס איך האב עס נישט געקענט מתקן זיין צייטען איך זאל עסען אפילו דיא ביינער וועלכע זענען נישט ראוי לאכילת אדם. פון דער מעשה קען מען זיך ארויס לערנען א מוסר השכל דאס אמענטש זאל נישט מיינען אין זיין עסען צו פאשען זיין בויך בלויז ווייל עס איז דאה פיהל מאהל דאס אין דעם עסען איז דא עפעס א גילגול אין אז ער איז נישט מכוון מיט דעם עסען ער זאל כח האבען צו דינען השי"ת קומט דאך דערפון קיין שום תיקון נישט ארויס דעם נפש וועלכעס איז מגולגל אין דעם עסענווארג, קען נאך דאס נפש איהם אויך קאליע מאכען אזוי וויא עס האט שוין אסאך מאהל געטראפען דאס עדליכע מענטשען זענען פלוצלונג קאליע געוואהרען אין מען האט נישט געוויסט קיין שום סובה דערצו נאהר צדיקים האבען געזאגט אז עס האט זייא געשאדט א מאכל. אין אויך קען מען זיך ארויס נעמען א מוסר השכל פון דער מעשה דאס מען דארף זיין דבוק אין האבען אמת'דיג אמונת צדיקים ווייל זייא קענען ראטיוועט א מענטש אין איהם טובות טאהן אפילו אויף יענער וועלט אויך. דען דער כח פון דיא צדיקים איז זייער גרויס אין השי"ת האט אלעס געגעבען אין זייערע הענד, אזוי וויא דער היילינגער ריזינער זכרונו לברכה דעם רבין ר' מאטעלעס מחותן האט אמאהל אליין דערציילט אין דיא מעשה איז אזוי געוועזען:

**איינמאהל** ווען דער היילינגער רבי ר' ישראלטשע ריזינער זכרונו לברכה איז נאך געוועזען גאהר א יונגער מאן אין איז נאך נישט געוועזען אזוי פיהל בעוויסט אויף דער וועלט. האט אין א שטעדטעל לעבען ריזין געוואהנט איינער א גביר וואס ער האט שטארק געשטיצט

בעֶשטיצט דעם הייליגען ריזינער כמעט דרייא פערטעל הוצאות הפרנסה האָט עֶר געגעבען פון זיין קעשענע אין דאָס איז דאָך בעוויסט דאָס בייא דעֶם ריזינער האָט זיך געפיהרט זייער אַ ברייטער הויף וויא בייא אַ מלכות האָט עֶס דעֶם גביר אָבגעקאָסט אַ גרויסע סומע געלט אַלע וואָך אָבער אונזערע חכמים זאָגען דאָך דאָס ונתנו לייענט זיך הין און צוריק אַז מען גיט אַסאַך צדקה גיט השי"ת צוריק נאָך מעֶהר בפרט אַזעלכע צדיקים אויסצוהאַלטען וויא דער ריזינער איז קיין ווינדער נישט דאָס דער מענטש איז אַלע טאָג רייכער געוואָהרען ממש חוץ לדרך הטבע, און אין אַלעס וואָס עֶר האָט געהאַנדעלט האָט השי"ת אריין געשיקט אַ ברכה דער מענטש האָט זיך געקויפט פיהל גיטער אין גאַנצע דערפער ביז ער האָט שוין געהאַט זיין אייגענס אַ שטיק מדינה, אין דיא אַלע מאַיאָנטקעס וואָס עֶר האָט געקויפט האָבען געוואָהנט אַסאַך יודען טייל האָבען געהאַט שענקען אַטייל גאַסט הייזער אָדער אַנדערע גיוועלבען אין זייא אַלע האָבען ביז אהער געהאַט שיין פרנסה, אָבער אַזוי וויא דער גביר האָט אָבגעקויפט דיא מאַיאָנטקעס האָט עֶר בעפוילען דאָס אַלע יודען זאָלען זיך אַרויס צוהען פון זייערע דירות אין זייא זאָלען ליקווידירען אַלע זייערע געשעֶפטען וועלכע זייא האָבען ביז אַ הער געפיהרט אין דעֶם גאַנצען שטח, גיוועהנליך זענען אַלע איינוואָהנערס געקומען צו דעֶם גביר זייער נייער בעל הבית איהם פרעגען וואָס פאַר אַ שלעכטץ האָבען זייא איהם געטהון אָדער עֶר האָט אויף זייא געהערט וואָס ער האָט אויף זייא אַרויף געלייגט דעם ביטערען עונש פון אַרויסטרייבען, אָבער עס דאָך בעוויסט דער מאמר החכם מכל אדם שלמה המלך עליו השלום עשיר יענה עזות, דאָס הייסט אַז מען פרעגט עפיס איבער דעם גביר אויף דעֶם וואָס ער טהוט איין אומרעכט האַלט ער נישט פאַר איין חוב זיך צו פאַר ענטפערען, נאָהר זיין תירוץ איז אַ העזה בייא דיר מיך צו פרעגען מסתמא אַז איך טהו איז אַזוי רעכט, אין אַזוי אויך איז געוועזען די תשובה פון דעֶם גביר צו דיא אָרימע דאָרפס לייט וועלכע זענען איהם געקומען בעטען ער זאָל בייא זייא זייער שטיקעל ברויט נישט צו נעמען, אין וואָס האָבען זייא איהם פאַר אַ שלעכטץ געטהון, האָט ער זייא גיענטפערט מיט שטאָלץ צו דאַרף איך דען עמיצן דערציילען פאַרוואָס איך טוה אַזוי אָדער אַנדערש איך בין דער בעל הבית פון דעם מאַיאָנטעק אין אַזוי וויא מיר געפעלט אַזוי טוה איך אין קיינער האָט מיר קיין דעה נישט צו זאָגען, עס האָט אויך נישט געהאָלפען

יודען

ווען עס וועלען געקומען די פרויה'ן אין קינדער שוואכע זקנים אין האבען געווינט אין געבעטען דעם גביר ער זאל זייער עקזיסטענץ נישט צובּרעכען, אבער זייא האבען זיין גרויס הארטקייט נישט געקענט ווייכער מאכען:

דער נייער פריץ דער יודישער האט זיך ליידער בעגאנגען מיט זיינע ברודער, ערגער וויא דיא פרוהערוגע נישט יודישע פריצים, דיא יודען האבען זיך צו זאמען געגומען אין געקלערט איין עצה וויא אזוי ביצול צו ווערען פון דער שלעכטער גזירה, האט זייא איין אלטער מאן געזאגט דאס לויט וויא ער האט געזעהן דעם גביר ווייזט ער איהם אויס א חסידישער מענטש אין גלויבט אין צדיקים דרובער דארף מען געוואהר ווערען אין שטאט וויא ער וואהנט צו וועלכען צדיק ער פאהרט, דיא עצה איז זייא אלע געפעלען אין זייא האבען אויסגעקליבען צווייא מענטשען וועלכע זאלען גיין אין שטאט אריין אין דיא זאך געוואהר ווערען דיא צווייא שלוחים זענען תיכף געגאנגען אין שטאט אריין אין נאך א קליינע דרישה וחקירה זענען זייא געוואהרען דאס דער גביר איז פון דיא ריזינער חסידים אין ער איז בייא דעם הייליגען צדיק א גרויסער חשוב, זייא האבען זיך צוריק געקעהרט אין דעם דארף אריין מיט זייער תשובה, אין זייא האבען נאך אמאהל געמאכט איין אסיפה פון אלע פעראינטערעסירטע דארפסלייט זייא זאלען אבקלערען וואס יעצט צו טהון ווייל דער הייליגער רבי ר' ישראלטשע ריזינער האט שוין יעצט געהאט געוואהנט אין קירה אין דער שטאט סאדיגערי. איז דיא הוצאה געוועזען זייער גרויס אין אויך פערבינדען מיט פיהל שוועריגקייטען מען האט געמוזט האבען איין גובערניא פאס אין אזוי אפאס האט מען נישט יעדער מענטש געוואלט ארויסגעבען אין דעם וואס מען האט שוין יאהרע ארויס געגעבען האט געדויערט חדשים איידער דער פאס איז אהנגעקומען אין נאך אלעמען איז געוועזען טייל פון דער אסיפה וועלכע האבען גאהר געצווייפעלט צו זייא וועלען עפיס אויפטהון בייא דעם ריזינער צדיק ווייל זייא האבען געהערט דאס דער גביר איז זייער א גרויסער חשוב בייא איהם, אין שלמה המלך זאגט דאך על כל פשעים תכסה אהבה. דאס הייסט דעם מענטש וועלכען מען האט ליעב אפילו ער טהוט אזאך אין אומישנע צו דערצערנען פערדעקט דאך דאס ליבשאפט מען זאל נישט זעהן אויף איהם קיין שלעכטץ, מען האט לאנג דיסקאסירט אין דער פראגע אין ווער ווייסט צו זייא וואלטען געקומען צו אנעבדע ווען נישט

וואס

וואָס איינער אַנצלטערער דאָרפסמאַן וועלכער איז געוועזען אַ גרויסער
מאמין אין צדיקים האָט זיך צו זייא אָהנגערופען הערט אויס ברודער,
איך האָב נישט קיין שום קלעהר דאָס דער היילינגער ריזינער וועט אינז
בוודאי אויסהערען אין זיך פאַר אונז אָהנעמען, נאָהר אפילו איך זאָל
אייך נאָכגעבען דאָס דער רבי וועט אונז נישט וועלען אויסהערען אַ
קיינען דעם גביר וועלען מיר עכ"פ בייא איהם פרעגען איין עצה וואָס
מיר זאָלען טהון אין בעטען זיין היילינגע ברכה, דיא ווערטער פון דעם
אַלטען זענען ווידער אָהנגענומען געוואָהרען אין מען האָט באַלד צו גויף
גענומען דיא גאַנצע נויטיגע סומע וועלכע איז דערצו געברויכט געוואָהרען,
אין מען האָט איינגעגעבען אויף גיבערניע פעזער פאַר זעקס פערזאָן
וועגען אָבער וויא פערווינדערט זענען זייא געוואָהרען דאָס חאָטש קיין
שום השתדלות איז ניט געמאַכט געוואָהרען צו צו יאָגען די פעסער אין אפילו
דער וואָס פלעגט אָבצונוצען די גרעסטע פראָטעקציאָן האָט אויך געברויכט
צו געדוירען ' אַ חדש איידער ער האָט בעקומען דעם פאַס אין דאָה איז
זייא באַלד דיא אַנדערע וואָך אָהנגעקומען דיא פעסער, זייא האָבען שוין
דרונגען געזעהן אַ צייכען אַ ישועה פאַר זייא אין זייא האָבען זיך פריילעך
געלאָזט אין וועג אַריין קיין סאַדיגערי צום הייליגען צדיק ר' ישראלטשע
ריזינער, וויא זייא זענען אָהנגעקומען זענען זייא גלייך אַריין געגאַנגען
צום רבין אין האָבען פאַר איהם אויסגעגאָסען זייער ביטער האַרץ אין
איהם דערציילט דאָס זיי זענען שלוחים פון עטליכע הינדערט פאַמיליעס
יודען, וועלכע וואָהנען אויף דעם שטח וואָס דער גביר האָט אָבגעקויפט
שוין אַסאַך יאָהרען אין זייערע זיידעס האָבען אויך דאָה געוואָהנט אין
זיך שיין מפרנס גיוועזען אין יעצט איז געקומען דער גביר אין טרייבט
זייא אַרויס אָהן דין אין משפט זייא האָבען איהם קיין שום שלעכטץ
נישט געטהון, אין וויא וועלען זייא זיך אַ הין טאָהן אין דער צייט ווען
אַ יוד טרייבט זייא אַרויס וועט דאָך קיין גוישער פריץ זייא אַוודאי נישט
וועלען אַריין לאָזען, זייא האָבען זייער שטאַרק געוויינט, דער רבי האָט
זייא געטרייסט אין ער האָט זייא פערזיכערט דאָס מען וועט זייא
קיין שלעכטץ נישט טאָהן אין זייא וועלען פערבלייבען אויף זייער אָרט
דער רבי האָט באַלד אַוועק געשריבען אַ בריף צו דעם גביר, היתכן דאָס
אין דער צייט ווען יודען ווערן אַזוי גערודפט אין געפייניגט אין השי"ת
האָט איהם געהאָלפען דאָס ער האָט געקויפט אַ שטיק לאַנד אויף וועלכען
ער קען בעזעצען אַסאַך פרישע יודין זיי זאָלען האָבען פרנסה גייט ער
נאָהר

ארויס טרייבען דיא אלטע יודישע איינוואהנער אלזא זאל ער זיך בערעכענען אז ער וועט דערמיט זיך אליין שאדען טאהן אין ער זאל זיין פריהעריגע גזירה קעגען זיינע ברידער וועלכע זייא זענען גאהר נישט ערגער פון איהם מבטל זיין, אבער דער גביר האט זיך דערפין גאהר נישט געמאכט ער האט אפילו נישט געענטפערט אויף דעם בריף עס איז איבער געגאנגען אצייט וואס עס האט שוין בעדארפען צו זיין ענטפער אויף דעם בריף אין עס איז נישט געוועזען האט דער הייליגער ריזינער נאך אמאהל געשריבען א בריף צו דעם גביר שוין מיט מעהר אזהרה אין אז ער זאל וויסען דאס מיט דעם שטעלט ער אין סכנה דעם גאנצען יודענטהום וועלכע וואהנען אין דערפער אין האבען זיך זייער פרנסה אין וויא באלט דיא גוישע פריצים וועלען געוואהר ווערען דאס א יוד האט פון זיינע מאיאנטקעס ארויסגעיאגט דיא יודען וועלען זייא דאך זאגען פערגוויס ווייסט ער דאס זיינע ברודער זענען ווערט מען זאל זייא ארויס טרייבען אין זייא בעשווינדלען אוודאי אין אלע מסחרים וועלכע מען לאזט זייא צו, אין נאך כהנה שטראף רייד. אין לסוף האט ער איהם ווידער אויסגעפיהרט דאס ער וועט פערגוויס חרטה האבען דערנאך. אבער ער ווייסט נישט צו ער וועט דערנאך שוין עפיס קענען אנדערשט מאכען, דער רייכער גביר האט זיך אבער פון צווייטען בריף אויך גאהר נישט וויכטיגדיג געמאכט:

דער הייליגער ריזינער אבער וועלכער האט געוואלט די טובה פון ביידע צדדים האט זיך נישט בענוגען געלאזט מיט דיא צוויא בריפליכע התראות נאהר ער האט אויך צו איהם דאס דריטע מאהל געשריבען אבריף נאהר דאס מאהל האט ער שוין נישט געשיקט דעם בריף אוף דער פאסט נאהר דורך אספציעלען שליח, אין ער האט געשריבען צו דעם גביר בזה הלשון אולי ווי די פלעגסט צו מיר קומען אסאך מאהל דארפסט דיא וויסען דאס איך ווייס אז דיא האסט דאך מיינע בריף דערהאלטען אין אויב דיר דאכט זיך אז איך ווייס נישט זאג איך דיר דאס איך ווייס אין איך שיק דיר יעצט דרובער מיט דעם שליח ווייל איך זאל זיכער זיין דאס דער בריף וועט פערגעוויס קומען אין דיין האנד אריין, נאהר דער שליח זאל זיין א שליה בית דין איך בין דיך מזמין זאלסט קומען אהער תיכף אדין תורה האלטען מיט דיא אלע יודען וועלכע וואהנען אין דיינע מאיאנטקעס, אין באם דיא וועסט נישט תיכף קומען לדין זאלסט דיא וויסען מיט וועמען דיא האסט צו טהון

דיא

דיא וועסט נישט קומען מיט גוטען וועסט דיא אַליין בעטען מען זאָל זיך אַהער פיהרען באָהר דערנאָך וועט זיין פערפאַלען, דער שליח איז געקומען צוא דעם גביר און ער האָט איהם דעם בריף, איבער געגעבען אין ער האָט איהם אויך בעל פה געוואָרענט ער זאָל ח״ו נישט אַרויפצוהען אויף זיך דעם צאָרען פין דעם הייליגען ריזינער צדיק, אָבער ליידער האָט מעשה שטן מצליח געוועזען, אין וואָס מעהר דער שליח האָט איהם געוואָרענט האָט דער בעל דבר איהם איין גערעדט אַז דאָס איז נאָהר אינטער געשטעלט פין זיינע בעלי בתים דיא דאָרפס לייט וועלכע זיצען דאָרט אין וויינען בייא דעם רבי׳ן אָבער אַז ער וועט זיך נישט וויסענדיג מאַכען וועלען זייא בטל ווערען אין אויך דער רבי וועט באָהר זייא אַרויס פאַטערען וועט ער איהם געמאַכלאָזען דרובער האָט ער דעם רבינ׳ס שליח גיענטפערט שטאָלציג פאָהר דיר געזינטערהייט אין זאָג דעם רבי׳ן אַזוי וויא איך מיש מיך נישט אין זיינע געשעפטען אַזוי בעט איך איהם דאָס ער זאָל זיך אין מיינע געשעפטען אויך נישט מישען אין עס זאָל איהם גאָהר נישט אָהנגייען ווייל אין מיינע מאַיאָנטקעס קען איך טוהן אין וועל טוהן אַזוי וויא איך וויל. דער שליח איז מיט גרויס עגמת נפש צוריק געפאָהרען ווייל ער איז אויך געוועזען דעם גביר אַ גוטער פריינד דען אַלע מאָהל וואָס ער פלעגט צו קומען צום רבי׳ן פלעגט ער כמה מענטשען גרויסע טובות מאָהן. אין יעצט האָט ער געוויסט אַז זיין האַנדלונג אַ קייגען דעם הייליגען ריזינער וועט אויף איהם קיין גוסט נישט ברענגען גאָהר וואָס האָט ער געקענט טהון ער האָט מיט איהם גענוג גערעדט אין איהם געוואָהרענט אַז ער וויל נישט פאָלגען איז ער דאָך זיך אַליין שולדיג:

דער שליח איז צוריק געקומען צום הייליגען ריזינער אין ער האָט איהם דערציילט וויא ער האָט מיט דעם גביר גערעדט מיט מיטען אין מיט בייזען אין ער האָט בייא איהם גאָהר נישט געקענט פויעלען, ער האָט געהייסען דעם רבי׳ן ענטפערען דאָס ער מישט זיך נישט אין רבינס געשעפטען זאָל זיך דער רבי אין זיינע געשעפטען אויך נישט מישען, דער הייליגער ריזינער האָט זיך דערויף מעהר נישט גיענטפערט וויא נאָ נאָ, פלוצלינג איז דער גביר קראַנק געוואָהרען אין מען האָט גערופען דעם דאָקטאָר האָט ער געזאָגט מען דאַרף וויא אמשנעלסטען צוא פאָהרען מיט איהם קיין וויען אויב נישט איז ער בסכן מען קען קיין געלט ניט שפאָהרען אין מען האָט געבעטען אַגרעניץ

ערלובעניש

ערלויבעניש ווייל אין אזוי אדרינגענדען פאל איז נישט מעגליך געוועזען צו ווארטען קיין לענגערע צייט, אָבער צום בעווינדערען איז געוועזען דאָס אנשטאַט וואָס ביי א אַזעלכע פאַלען ווערט דיא ערלויבעניש שנעל ערלעדיגט אפילו מען גיט נישט קיין געלט אין דאָ שיט מען מיט'ן געלט ווער פין דיא שרייבערס עס האָט נאָהר צו געזאָגט עפיס אַ טובה צו טאָהן אין דיא ערלויבעניש צו צו איילען, איז דאָה געוועזען פונקט פערקעהרט דיא בעאַמטע האָבען איהם געקענט פאַר אַ גרויסען גביר, אין לויט וויא דער דאָקטער האָט געשריבען אין זיין אונטערשטיצינג דיא דרינגליכקייט פון דער שנעלער גרעניץ ערלויבעניש האָבען זייא איינגעזעהן אַז דאָה איז פאַר זייא אַ קוואַל פון געלט צאַפען אין איין אַזעלכע פאַלען האָבען דיא רוסישע בעאַמטע שוין געוויסט וואָס זייא האָבען צו טאָהן קיין תירוצים האָט זייא שוין נישט געפעהלט אין דיא מעשה האָט אָבגעקאָסט אַסאַך געלט אין עס איז שוין געהאַט אַרובער געגאַנגען אַ גאַנצען חדש אין דיא ערלויבעניש איז נאָך נישט געוועזען, מען האָט איינגעזעהן אַז דאָה איז עפיס נישט גלאַטיג. אין דעם גביר איז פין טאָג צו טאָג ערגער געוואָהרען ער איז שון געוועזען כמעט ווי אוס מענטש אָבער זיין האַרטקייט האָט איהם נישט געלאָזט אינטערטעניג ווערען פאַר דעם הייליגען ריזינער צדיק אין ער האָט זיך גאָהר נישט וויסענדיג געמאַכט אַז דאָס איז איהם געקומען צו ליעב זיין ווידער שפענוגען אין דעם בעפעהל פון רבין, אַדרבה ער האָט זיך געהייסען דערלאַנגען דעם דיקרעט וועלכען ער האָט צו געשיקט דו דיא דאָרפס לייט זייא זאָלען זיך אַרויס צוזהען פון זייבע מאַיאָנטקעס אין אַז ער האָט געזעהן דאָס דער טערמין איז אין דרייא טאָג אַרום האָט ער געזאָגט זיין בני בית דאָס זייא זאָלען געדענקען אויב ער ווערט נאָך נישט פאָלקאָם געזינד זיין צום טערמין ער זאָל קענען אַרויס פאָהרען מיט דעם קאָמאָרניק דיא דאָרפס יודען אַרויס וואַרפען פין זייערע דירות זאָלען זייא אַרויס פאָהרען מיט דעם קאָמאָרניק, אָבער לויט וויא ער פיהלט זיך דאַכט זיך איהם דאָס ער וועט נאָך מאָרגען

זיך קענען אויפהייבען:

אָבער דער מענטש טראַכט אין דער הימעל לאַכט זאָגט זיך אַ שפריך ווערטעל דעם זעלבען טאָג איז אין דעם גבירס קרענק אַריין געטרעטען אַ ענדערונג, אָבער לייִדער נישט צום בעסערונג פערקערט דיא קרענק האָט זיך פלוצלונג אַזוי געשטאַרקט דאָס ער האָט אָהנגעוואָהרען דאָס בעוויסטזיין אין גאַנצען ר"ל אין ער איז זייער צו רידערט געוואָרען

ווער עס איז צו איהם צו געגאַנגען האָט ער געשלאָגען אין געשאָלטען. דאָס בני בית האָבען געזעהן אַז עס האַלט שוין נישט גיט מיט איהם זענען זייא געלאָפען מיט אַ געוואַלט אין מאַגיסטראַט אַריין אין נאָך גרויס געבעט אין אַ גרויסע סומע געלד האָט מען דיא ערלויבענעש געגעבען אין ווייל ער איז שוין געוועזען זייער אויף אַ שלעכטען מצב האָבען זייא גענומען מיט זיך דעם דאָקטער, אָבער אין מיטען וועג האָט דער דאָקטאָר געזאָגט דאָס עס האָט זיך שטאַרק פערערגערט אין ער ווייסט נישט צו ער וועט נאָך לעבעדיגערהייט קומען קיין וויען, אין דער זעלבער צייט איז דער חולה צוריק געקומען צום בעוויסטזיין אין ער האָט געזאָגט צו זיינע בעגלייטערס דאָס אַזוי וויא ער ווייסט דאָס זיינע טעג זענען געציילטע אין ער וויל נישט ליגען אין דער פרעמד וויל ער שוין צוריק פאָהרען אַ היים. באָהר אַזוי וויא דאָס איז איהם געקומען דורך דעם וואָס ער האָט דעם הייליגען ריזינער נישט געוואָלט פאָלגען וויל ער חאָטש ביים לעבען דעם רבין איבער בעטען זאָל מען צופאָהרען קיין סאַדיגערי. דיא קינדער האָבען איהם געבערענגט קיין סאַדיגערי באָהר פון דער פיהר האָט ער נישט געקענט אַראָב גיין האָט ער בעפוילען אַריין צום רבין דאָס ער שטייט אין דרויסען פאַר דעם טויער אין ער קען נישט אַריין גייען, בעט ער דעם רבין ער זאָל איהם מוחל זיין, דער הייליגער ריזינער איז צו איהם אַרויס געקומען אין ער האָט אַפאָהר מיניט אויף איהם געקוקט אין ער איז צוריק אַריין געגאַנגען, אין מיט דעם גביר איז מען אַ היים געפאָהרען אין ער איז באַלד געשטאָרבען:

ביא דעם הייליגען ריזינער פלעגט צו זיין חסידים וועלכע מען פלעגט פאַר זייערט וועגען שטעלען וויין אפילו זייא זענען נישט געוועזען אין איינער פון דיא איז אויך געוועזען דער דאָזיגער גביר אין אסאַך מאָהל פלעגט דער רבי הייסען דיא גבאים שטעלען וויין אויף זיין חשבון ווי עס איז שוין געהאַט אוועק געגאַנגען עטליכע יאָהר נאָך דעם וואָס דער גביר איז געהאַט געשטאָרבען, פלוצלונג איינמאָהל שבת ביים טיש האָט דער הייליגער ריזינער געהייסען שטעלען וויין פער דעם גביר'ס וועגען דיא גבאים וועלכע האָבען שוין געוויסט דאָס דער גביר לעבט שוין נישט האָבען געמיינט דאָס דער רבי ווייסט דער פון נישט דרובער האָבען זייא זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. אָבער וויא דער רבי האָט נאָך אמאָהל געזאָגט דאָס מען זאָל שטעלען וויין פאַר דעם גביר'ס וועגען. האָבען דיא גבאים שוין קיין צווייטע עצה נישט געהאַט וואס צוא זאָגען

דעם רבין דאָס דער גביר געפינט זיך שוין מעהר נישט צווישען דיא לעבעדיגע. וויא זייא האָבין דאָס געזאָגט האָט זיך דער הייליגער ריזינער צוּא זייא אָהנגערופען איהר ווייסט אין איך ווייס נישט. איך ווייס אויך דערפון. נאָהר איך וועל אייך דערציילין וועט איהר שוין פערשטיין פער וואָס איך הייס יעצט שטעלין וויין פאר דעם גבירס וועגען. עס װאָלט וויסען אַז אין הימעל איז פערהאַנגען דריי בתי דינין. איין בית דין פון מלאָכים. אין דאָס צווייטע פון נשמות פון דיא הייליגע צדיקים וועלכע זענען שוין בעולם האמת. אין דאָס דריטע בית דין פון צדיקים וועלכע זענען נאָך דאָה אויף דעם עולם. און דער סדר איז אַזוי געוועזען וויא דער מענטש שטאַרבט אין ער קימט אָב געבען אַ דין וחשבון שטעלט מען איהם פער דעם ערשטין בית דין פון דיא מלאָכים אין זייא זענען שטאַרקע מחמירים וויל זייא פערשטייען גאָהר נישט וויא קען זיך דער וועגען אַ מענטש וועלכע איז פון אַ טיפה סרוחה מורד צו זיין אין כביכול וואָס האָט איהם געטהון כל מיני טובות. נאָהר אַז דער מענטש האָט אַ זכות אין ער איז ביים לעבען געוועזען דבוק אין אַ צדיק קען ער פערלאַנגען דאָס מען זאָל איהם פיהרען לדין פאַר דעם צווייטען בית דין פון דיא נשמות הצדיקים, אין אָבוואָל דאָרט איז אויך זייער שווער זוכה בדין צו זיין וויל זייא זענען שוין לאַנג פון דער וועלט געדענקען זייא שוין נישט דיא אַלע טורדות וואָס דער מענטש האָט אויס צו שטייען ביים לעבין אין אויך פון זייער צייט ביז היינט האָט זיך דיא וועלט שטאַרק גיענדערט דאָס מיט דעם פרצייטישען פראָסטען מענטש וואָלטען זיך היינטיגע רבים נישט געקענט גלייכען אָבער פון דעסט וועגען איז דאָרט דער משפט פיהל גרינגער וויא בייא דעם ערשטען בית דין פון דיא מלאכים, אין דער מענטש וועלכער. האָט נאָך אַ גרעסערע זכיי דאָס זיין רבי לעבט נאָך אין ער איז פון דעם בית דין של מעלה פון דיא צדיקים וואָס לעבען נאָך אויף דער וועלט אין ער בעט דאָס מען זאָל איהם פיהרען צו זיין רבין למשפט דער האָט אוודאי אַ גרינגען משפט וויל דער רבי קען אין מעג איהם אַ טובה טאָהן אין ער האָט זיך געגעבען אַ שטעל אויף אין געזאָגט געלויבט השי"ת וואָס ער האָט מיך אויסגעקליבען פאַר איינעם פון דעם דריטען בית דין אין אַז דער מענטש האָט געהאַט אַ זכיי דאָס מען זאָל איהם שטעלען פאַר אונז לדין בין איך גרייט איהם אַ טובה צו טוהן, דרובער הייס איך שטעלען פאַר זיינעט וועגען וויין:

# דער רבי ר׳ נחום פערקויפט זיין עולם הבא אין שטעלט אויף פער דעם געלט א מקוה אין א שטעטעל.

זעהער אינטערעסאנט איז דיא ערצעהלונג וואס ווערט געברענגט פון דעם הייליגען רבין ר׳ נחום. איינמאהל איז ער געקומען אין א שטעטעל אין פאדאליען אין וויא זיין שטייגער איז געווען צום אלעם ערשטען זיך נאהר צו פרעגען ביים דעם רב וואס פאר א תיקונים מען דארף צו מאכען אין שטאט ער זאל וועגען דעם זעהן מעורר צו זיין אין זיינע דרשות. אין אז ער האט דעם שטאדטס רב געפרעגט האט ער איהם גיענטפערט דאס מען וואלט זייער נויטיג בעדארפען אין דעם שטעטעל א מקוה אבער ליידער קען ער נישט וועגען דעם מעורר זיין דעם עולם ווייל זייא וואלטען אליין געוואלט אפילו מער טוהן וויא זייערע כוחות נאהר זייא זעבען נישט אומשטאנד עפיס אויפצוטהון אין דעם . נאהר איין גביר איז דא אין דעם שטעדטעל וועלכער קען יאה עפיס אויפטהון ווען ער זאל וועלען ליידער איז ער אבער א גרויסער קמצן אין ער וויל נישט דער שטאדט בייהילפיג זיין אין ביים איהם קען מען נישט פועלען דורך קיין דרשות ווייל ער גייט קיינמאהל נישט הערען קיין דרשן אדער מוכיח. וויא דער רבי נחום האט גיהערט דאס אויפפיהרינג פון דעם קמצנישען גביר האט ער אויך פערשטאנען אז מיט קיין מוסר אין דברי תוכחה וועט ער אויף דעם גביר גאהר נישט קענען ווירקען, אבער ווייל ער האט זייער בעוואלט מזכה זיין דאס שטעדטעל מיט דער סביבה זיי זאלען האבען א מקוה, איז ער געפאלען אויף אזוי א נארגינעלע המצאה. אזוי וויא זיין גיטער נאמען איז שוין דאמאלט געווען בעוויסט דאס ער איז א גרויסער צדיק אין איז א בעל מופת איז ער תיכף ארויס געגאנגען פון דעם רב אין ער איז געגאנגען אין מארק ארין אין ער האט געדינגען א באהט, אין האט געהייסען דעם בעל עגלה ארויס פאהרען דורך איין עק שטאט און צוריק אריינפאהרען דורך דעם צווייטען עק, דער בעל עגלה האט אזוי געטהון אין וויא זייא זענען צוריק אריינגעפאהרען אין שטעדטעל אריין האט דער רבי ר׳ נחום איהם גיהייסען פערפאהרען צו דעם גביר אין הויף אריין:

**אריינפארענדיג** האט דער בעל עגלה דערציילט אז אין דער באהד זיצט דער הייליגער רבי ר׳ נחום. וויא דער גביר

האט

האט געהערט דאס דער בעוויסטער רבי ר' נחום פאהרט דאה האט עהר טראגן זיין גרויס קמצנות נישט געהאט קיין העזה איהם נישט אריין צו לאזען אין ער האט איהם באלד אהנגעוויזען א שיין צומער אריין צו גייען, דער רבי ר' נחום האט זיך געמאכט אביסעל שטאלציג כדי דער גביר זאל נישט האבען קיין העזה צו דערציילען זיין פערלאנג, אין ער האט קיינעם נישט געהייסען אריין לאזען דער גביר האט געזעהן דאס דיא גרעסטע שטאט בעלי בתים זענען געקומען אין האבען חאטש געוואלט שלום נעמען אין זייא האבען נישט געהאט דיא זכיה דער צו אין האבען זיך געמוזט אומקעהרען מיט גרויס עגמת נפש האט ער זיך גיט געפיהלט דערפיט וואס ער האט אזוי א גליק געהאט דאס דער רבי ר' נחום איז זיין גאסט. פארענאכט האט דער רבי ר' נחום געהייסען אריין רופען דעם גביר ער האט מיט איהם צו שמיסען זעהר אוויכטיגע זאך, דער גביר זעלבסט פערשטענדליך תיכף אריין געגאנגען אין זעהענדיג וויא פיהל היזיגע מענטשען שטייען נאך פין דער פריא אהן אין ווארטען אין קענען נישט אהן קימען צו דעם רבין ר' נחום האט ער דעם רבין זייער מקנא געוועזען, ארייגקימענדיג האט ער בעמערקט אז דער רבי איז פארנומען אין א טיעף ענין אין ער האט גאהר נישט געהערט זיין אריין קומען, דרובער האט ער זיך אנידער געזעצט אין דער זייט ער זאל דעם רבין נישט שטערען אין זיינע געדאנקען זיצענדיג האט ער זיך געטראכט וויא וואהל קען זיין דעם רבין ר' נחום אויף יענער וועלט ווען אויף דער וועלט וואס ער עסט נאהר דיא פירות פון זיינע מעשים האט ער אזוי פיהל כבוד אין רוהם. בפרט נאך אויף יענער וועלט וויא ער וועט אבנעמען דעם גאנצען שכר פאר זיינע מעשים טובים. אין ער דער קמצנישער גביר וויא לעבט ער אב דיא וועלט יעדער רוקט זיך פון איהם אב מיט עקעל וויל ער וויל קיינמאהל קיין מענטש קיין טובה טוהן אין ער גיט קיין גראשען צדקה נישט אין אויף יענער וועלט וועט ער דאך אוודאי קיין שום גיטעס נישט האבען וויל פאר וועלכע מעשים טובים קומט איהם גיטעס צו בעצאהלען אויף יענער וועלט:

טראכטענדיג אזוי איז ער גיזעסען א לענגערע ווילע אין עס האט איהם גאהר נישט געקענט איינפאלען אז דיא געדאנקען האט טאקע דער רבי ר' נחום אין איהם אריין געבראכט אזוי וויא מיר האבען שוין דערציילט אין דער מעשה פון דעם יונגענמאן וועלכער איז געוועזען א מושלים אין אללע מעלות נאהר א בעל גיאה

אין

אין דער רבי ר' נחום האט איהם אריינגעברענגט א געדאנק דאס ער זאל קומען הערען זיין דרשה אין מיט זיינע אָרגינעלע דברי תוכחה האט ער איהם מחזור למוטב געוועזען, דער כח פון דעם רבין ר' נחום אין דעם ענין פון אריין צו ברענגען אין א מענטש אריין געדאנקען וועלכע ער האט געוואלט איז ממש געוועזען צו בעווינדערען, אין ווען נישט דער רבי ר' נחום זאל געוועזען דעם גביר איבער רייסען פון זיינע דאזיגע געדאנקען ווער ווייסט וויא לאנג ער וואלט אזוי געוועזען געזעסען אין געטראכט ער האט פשוט פון דיא געדאנקען אליין גרויס הנאה געהאט, נאהר ווייל עס איז שוין שפעטליך געוואָהרען אין מען האט געדאַרפט דאווינען מנחה האט דער רבי ר' נחום דעם גביר איבער געריסען פון זיינע געדאנקען, אין איהם געזאגט דאס ווייל ער האט נישט געקענט פריהער מיט איהם שמיסען וועגען דעם וויכטיגען ענין בעט ער איהם ער זאל תיכף נאך מנחה מעריב אריין קומען ווייל ער האט מיט איהם צו שמיסען וועגען זייער א וויכטיגע זאך וועלכע וועט איהם גרויסע נוצען ברענגען, אין יעצט איז שוין שפעט מען דארף גיין דאווינען מנחה, דער גביר אויפהאפענדיג פון אזעלכע געדאנקען האט דעם רבינס יעדער ווארט געשלינגען אזוי וויא א דאָרשטיגער טרינקט וואסער, אין אז ער האט געהערט דאס דער רבי וויל מיט איהם שמיסען וועגען אזאך וואס וועט איהם ניצען ברענגען האט דאס איהם אזוי פעראינטרעסירט דאס ער וואלט שוין געוואלט אז דאס זאל זיין וועגען עפיס א גייסטיגע זאך אזוי איז ער געוואָהרען איבער געקערט צו א אנדערען מענטש אין ער האט זעלבסט ממאס געוועזען זיין פריהערדיגע קמצנותקייט אין עס איז איהם שוין א שאד געוועזען צוא פערנעמען צייט צוא גיין דאווינען אין בית מדרש אריין האט ער דעם רבי'ן געפרעגט אפשר וועט ער דאווינען אין דער היים עס איז דאָה אין יענער שטוב דיא חשובסטע שטאָדט לייט וועלכע וואַרטען שוין פון דער פריה אהן. שלום צו נעמען אין עס איז דאָה מעהר וויא צוויי מגיבים:

דער רבי ר' נחום האט איהם גיענטפערט דאס אָבוואָהל ער האט געוואלט גיין אין בית מדרש אריין דאוויגען מנחה מעריב, נאהר ווייל ער בעט איהם ער זאל דאווינען אין זיינע דירות וועט ער איהם צוא ליעב טוהן, אין וועט דאה דאווינען. דער גביר האט זיך זייער געפרייט וואס דער רבי האט איהם צוליעב געטוהן, אין איז אריין געגאנגען תיכף אין דערצווייטער שטיב אריין אין האט אליין אריין געברענגט

# בית מרדכי

געברענגט דעם גרויסען בלוצלאמפ וועלכער איז געשטאנען אין זיין סאלע. אין ער האט אויך ארויס גענומען דיא זילבערנע לייכטער אין אהנגעצינדען גרויסע ליכט ביא דעם טיש וויא מען האט געדאוועגט. אין אז דער רבי ר׳ נחום איז אריין געקומען אין דער שטיב אריין אין אז דער גאנצער עולם האט זיך געשטיפט שלום נעמען איז דער גביר אוך געשטאנען אזוי הכנעה׳דיג וויא ער איז אויך איינער פין דיא פרעמדע מענטשען אין נישט דער גרעסטער גביר פין שטאדט אין דער בעל הבית פין דעם הויף. מען האט זיך געשטעלט דאווינען מנחה אין וויא דער גביר איז צוא געקומען צוא דער ברכה מלך אוהב צדקה ומשפט. דאס הייסט דער רבונו של עולם האט ליעב דעם מענטש וועלכער טוהט צדקה. האט ער זיך איבער גערעכענט וואס זאגט ער אלע טאג דרייא מאהל אין טאג. אין ער טוהט פינקט פערקעהרט ער גיט קיין גראשען צדקה נישט אין ער האט דרויף גרויס חרטה געהאט אין ער האט זיך גיט אויסגעווייגט אין האט אויף זיך מקבל געוועזען דאס פין היינט אהן זאל ער אוועק ווארפען דיא שלעכטע מדה פין קמצנות אין ער זאל געבען צדקה כפי יכלתו. אין אזוי איז ער ביא דער גאנצער צייט פין דאווינען געוועזען זייער פערטראכט אין זיין פערגאנגענהייט וויא שלעכט ער האט זיך ביז היינט אויף געפיהרט אין אלע היבזיכטען אין ער האט אויף אלעם גרויס תשובה געטהון, דיא שטאדט לייט וועלכע זענען געוועזען גיט בעקאנט מיט דעם גבירס ארט פיהרינג אין פסיכאלאגיע האבען זיך זייער געווינדערט אויף זיין יעצטיגער ערינצקייט אין צוא געלייגטקייט. זייא האבען איהם ערב יום הקדוש פאר כל נ״רי נישט געזעהן אזוי פיהל ווייגען אין פערטראכט זיין. אויך זיין ברייט אויפנעמען דעם רבי׳ן ר׳ נחום איז ביא זייא געוועזען אונפערשטענדליך וויל זייא האבען איהם געקענט פאר אנאויסטערלישען קמצן. אין זייא האבען אלע דאס צוא גערעכענט צוא דעם גרויסען כח אין הייליקייט פין דעם רבי׳ן ר׳ נחום דאס ער האט מיט זיין גרויס הייליגקייט אין אזוי אקלייבע ווילע געקענט ווירקען אויף אזוי אשטייגערען הארץ וויא דער גביר האט געהאט:

אבער אז דער רבי ר׳ נחום איז מיט זיין דאזיגען אויפהאלטען זיך ביא דעם גביר אויסען געוועזען נאך עפיס חוץ איהם פין זיין גרויס קמצנות אב צוא געוויינען האט קיין שום מענטש אפילו נישט

טריין

געוואָהרען זייא זענען ווינדערט פער וויא דרובער , געקלערט אריין ארבייטער געבּרענגט גביר דער האָט פּריה דער אין דאָס זעהענדיג שוין זיך האָבּען זייא . מקוה א גראָבען צוא אָהנגעהויבען האָבּען וועלכע גביר דעם בעשלאָסען האָבּען זייא אין בעהערשען געקענט נישט נאָהר . פאָהרען אוועק וועט נחום ר׳ רבי דער וויא אזוי פרעגען צוא זעלבסט מזג א מענטש אנאנדערער געוואָהרען אויך אליין גביר דער איז אגב זיינע אין זיך נויטיגט אמענטש וויא געזיכט נאָך נאָהר האָט ער טוב פאר וואָרט גוט א אָדער נעצה א אזוי הן שטיצע געלט אין הן אטובה טעג צווייא די אין געוואָהרען ער איז דרובער אין . ריידען צוא איהם אייבעג פין וואָלט ער וויא גלייך מענטשען אלע צוא געלאָזט צוא אזוי נחום ר׳ רבי דער וויא אין . מענטש הערציגער גיט א געוועזען אויף אין בעגלייט שטאָדט גאנצע דיא איהם האָבּען געפאָהרען אוועק איז רבי׳ן דעם מיט געזעגענדיג זייא צווישען געוועזען אויך איז גביר דער איהם האָבּען גייענדיג אהיים צעוויינט שטארק זיך גביר דער האָט זיין אזוי וויא ערקלעהרען זייא זאָל ער דאָס געבעטען מענטשען איבער אומנאטירלעך אזוי טעג צווייא די אין איז חאראקטער גדבן אגרויסער אזוי צוא קמצן נאויסטערלישען א אזוי פין בעוואָהרען איינגעפאלען איז איהם וואנען אין אויך וויא . מענטש הערציגער גיט אין אָב דאָך דארף וועלכע מקוה א הוצאות זיינע אויף מאכען לאָזען צוא בכח נישט איז זאמען צוא שטעטעל גאנצע דאָס אז רב אהון קאָסטען שמייכעל א וועלענדיג נישט האָט גביר דער .מקוה קיין מאכען צוא ווינדערט פער וויא נאָך אָהנגערופען זייא צוא זיך האָט אין געטהון ווייטערדיגע די אויסהאלטען אז זעהן וועט איהר ווען בלייבען איהר וועט . חשבון מיין אויף אויסהאלטען אויך איך וועל מקוה דער פין הוצאות זייערע וואָס גלייבען געקענט נישט אליין זיך האָבען מענטשען דיא איז עס אָדער וואכעדיג ווירקליך איז דאָס ציא הערען אויערען

נאָהר א חלום :

נאָהר דער גביר האָט זייא דיא זאך באלד ערקלערט מיט א בויגען פאפיר וועלכען ער האָט ארויס גענומען פון זיין טאש אין ער האָט זייא געגעבען איבער צו ליינען דארט איז געשטאנען קלאָהר אין דייטליך א שטר מכירה וועלכער איז געשריבען פינקטליך מיט אלע תנאים וועלכע מען דארף דאָס דיא מכירה זאָל גיט זיין. אז דער רבי ר׳ נחום האָט פערקופט זיין חלק עוה״ב דעם גביר בתנאי דאָס דער גביר

זאל

זאל אויסבויען פון זיין געלט א מקוה אין זאל זיא אויך אויסהאלטען מיט אלע הוצאות ביז דיא שטאט וועט אומשטאנד זיין אליין אויס צוהאלטען דיא מקוה מיט זייערע מיטלען. דיא שטאט לייט האבען גאהר נישט געקענט פערשטיין דאס גרויסע מסירות נפש פון דעם הייליגען רבין ר' נחום דאס בלויז ער איז מפקיר דיא וועלט פאר דעם מזכה הרבים צו זיין גאהר זיין חלק אויף יענער וועלט איז ער אויך גרייט געוועזען אוועק צו געבען מזכה צו זיין יודען מיט א כשרה מקוה, אין זייא האבען ערשט דערזעהן דעם גרויסען כח פין צדיקים. דיא מעשה איז באלד מפורסם געווארען אין דעם גאנצען געגענד, האבען דיא גרויסע חסידים בעפרעגט דעם רבין ר' נחום וויא פאלט ער אויס אזוי א מעשה צו טוהן האט ער זייא גיענטפערט, איהר ווילט זיין חסידים אין איך טאהר קיין חסיד נישט זיין, דיא חסידים האבען נישט פערשטאנען וואס ער מיינט מיט דיא דאזיגע ווערטער האט ער זייא געזאגט עס איז דאך אבפירושע גמרא אין ברכות, דאס דוד המלך עליו השלום האט זיך גערופען חסיד נאהר דערפאר ווייל ער האט זיך משתדל געוועזען מטהר צו זיין א אשה צו איהר מאן, אבער דיא חסידים, האבען זיך נאך מיט דעם תירוץ נישט געוואלט בערוהיגען ווייל זייא האבען געטענעט דאס אויב עס איז בייא דעם רבין אזוי טייער געוועזען דיא מצוה האט ער אונז געקענט זאגען וואלטען מיר דיא סומע געוועזען צו זאמען געשאפט נישט דער רבי זאל פערקויפען דאס אייביגע לעבין אין דאס חלק אין גן עדן, האט זייא דער רבי ר' נחום בערוהיגט אין ער האט צוא זייא געזאגט דאס איהר זענט טאקע גערעכט דאס צוליעב דעם אליין וואלט איך געקענט זעהן דאס געלט צוא זאמען שאפען, אבער איך האב נאך איין טעם געהאט אין דער זאך בעמליך עס איז מיר שוין פין אלאנגע צייט שווער געוועזען איך זאג עטליכע מאהל אין טאג ובכל מאדך דרשינען אונזערע חכמים זכרונם לברכה דיא זאלסט ליעב האבען דעם רבונו של עולם מיט דיין גאנץ געלד אדרבה זאגט מיר וויא אזוי אמענטש וויא איך וועלכער פערמאגט גאהר נישט. אין קיין שום זאך פין דער וועלט האט בייא מיר קיין חשיבות נישט ווי קען ער אמת'דיג מקיים זיין דעם ובכל מאדך. טאה קימט דאך אוס דאס איך זאל ח"ו זאגען אלע טאג עטליכע מאהל אין טאג ליגענט פער דעם רבונו של עולם. אבער יעצט וועל איך שוין קענען אמת'דיג זאגען ובכל מאדך, דאס איך בין גרייט אלע מאהל אוועק צוא געבען מיין חלק עולם הבא פאר דער

מינדעסטער מצוה פין רבונו של עולם. דער זכות פין דעם הייליגען רבי'ן ר' נחום זכרונו לברכה זאל אונז בייא שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גיטען אין מיר זאלען זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

## וועהר א אונטערעסאנטע ערצעהלונג האט דערציילט ר' דוד'ל טאלנער זכרונו לברכה. דעם רבי'ן ר' נחום'ס אנאייניקעל:

איינמאהל האט דער רבי ר' דודל טאלנער זכרונו לברכה געשמיסט פין דיא שוחטים האט ער אזוי געזאגט איך האב אקבלה פין מיין פאטער ר' מאטעלע טשערנאבעלער זכרונו לברכה אין מיין פאטער פין זיין פאטער דער רבי ר' נחום זכרונו לברכה אין מיין זיידע פין זייבע עלטערען אין פין זייבע הייליגע רבי'ס ביז אליהו הנביא זכור לטוב. אז יעדען שוחט וואס ער איז איין ערליכער יוד אין א סאך ערליכע יודען זענען זיך סומך אויף זיין שחיטה. העלפט דער מלאך מיכאל אליין איהם צוא אבשטעלען גיט דעם חלוף. אז ער זאל ניט חלילה מכשיל זיין דעם רבי'ם מיט קיין מאכלות אסורות. אין דערנאך האט ער דערציילט. וואס מען מיינט ערליכקייט פין איין שוחט קען מען פערשטיין פין דער פאלגענדער מעשה:

איינמאהל איז דער רבי ר' נחום געוועזען אין זייבע פיהל וואנדערונגען שאפען געלט אויף דער גרויסער מצוה פון פדיון שבוים האט זיך געמאכט דאס איהם איז אויס געקימען שבת צו האלטען אין א דארף ארייבפאהרענדיג אין דארף אריין האט ער געטראפען איוד בייען האט ער איהם געפרעגט צו אין דעם דארף איז דאה אשוחט האט ער איהם גיענטפערט יאה, האט דער רבי ר' נחום איהם געפרעגט וויא ער וואהנט, דער יוד אליין איז טאקע געוועזען דער שוחט אין ער איז געגאנגען פון איין דארפס יוד בייא וועלכען ער האט געשאכטען א בהמה. וויא גיוועהנליך צו גיין שעכטען טיהן דיא שוחטים אהן געמיינע מלבושים ווייל עס איז איין שאדע אגיט מלבוש טאמער וועט עס פערבלוטיגט ווערען. אין ווייל דער שוחט האט בעמערקט אז דער פרעגער איז פון דיא גרויסע לייט

לייט האָט ער זיך זייער געשעמט צו זאָגען דאָס ער איז דער שוחט, האָט ער דעם רבין געוויזען ־וויא אַרום צו צי פּאַהרען צו דעם שוחט עקסטרע דורך אַ ווייטערען וועג כדי ער זאָל קענען דורך דעם בעהנטערען וועג פריהער אַהיים קומען אין ער זאָל זיך איבער טהון, עס איז טאַקע אַזוי געוועזען דער שוחט איז שנעל אַהיים געגאַנגען אין זיך איבער געטהון אין דערווייל איז דער רבי נחום צי געפּאָהרען, דער שוחט האָט איהם זייער אָרענטליך צו גענומען אין ער האָט איהם געגעבען אַ בעזונדערע שטיב צו דאַווינען, נאָהר איידער דער רבי ר׳ נחום האָט זיך געשטעלט דאַווינען האָט ער אַריינגעשיקט נאָך דעם בעל הבית דעם שוחט אין איהם פריהער איבער גיבעטען אין געזאָגט אַזוי וויא איך פיהר מיך אין יעדער אָרט וויא איך קום עס איך נישט קיין פליישׁ ביז איך זעה פריהער דעם חליף, אין דרובער בעט איך אייך אויך אַז איהר זאָלט מיר נאָך דעם דאַווינען ווייזען דעם חליף דער רבי ר׳ נחום האָט זיך געשטעלט דאַווינען, אין דער שוחט איז אַרויס געגאַנגען אין גענומען בעקוקען דעם חליף האָט ער געזעהן דאָס דער חליף איז גיט נאָהר ער האָט זיך איבער גירעכענט צו ווייזען עמיצען איז אפשר גלייכער ער זאָל איהם נאָך אַ פאָהר שלייף געבען האָט ער אַראָב גענומען דאָס שאַרף שטיינדעל בכדי ער זאָל דעם חליף נאָך אביסעל צו שלייפען:

נאָהר אַזוי בעמענדיג דאָס שאַרף שטיין האָט ער זיך מיישב געוועזען. ווען עס זאָל וועלכער דאָרפסמאַן יעצט קומען אין וועלען איך זאָל פאַר זיינעט וועגען עפּיע שעכטען וואָלט איך דאָך זיכער געשאָכטען מיט דעם חליף אין איך וואָלט איהם גאָהר נישט מעהר געשלאָפט היינט האָלט איך דאָך אַז דער חלוף איז כשר אַזוי וויא דער רבונו של עולם האָט אונז דרויף געבאָטען וויא אַזוי זשע קען איך פאַר אַמענטש וועגען מעהר גיין שאַרפען איז ער ח״ו בייא מיר מעהר חשוב וויא דער רבונו של עולם. אין ער האָט זיך פעסט געהאַלטען בייא דער מחשבה ער זאָל נישט דעם חלוף מיין צוא שלייפען נאָהר אַזוי ווייזען דעם חשובען אורח. נאָך דעם דאַווינען איז דער שוחט אַריין געקומען צום רבי׳ן ר׳ נחום אין ער האָט פאַר איהם דעם חליף אַנידער געלייגט ער זאָל איהם בעקוקען. האָט דער רבי ר׳ נחום געזאָגט צוא דעם שוחט מיט אַזיסען שמייכעל אויב פאַר דעם רבונו של עולם איז אייער חלוף כשר איז ער דאָך פאַר מיר אוודאי כשר. דרובער דאַרף איך שוין דעם חליף נישט

איבער

איבער קוקען אין איהר מעגט נעמען אין שעכטען מיט דעם חליף פער מיינעס וועגען אָט אזוי האָט רב דוד'ל טאַלנער זכרונו לברכה אויסגעפיהרט המסט אנערליכער שוחט :

---

# א ווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם היילינען רבין ר' מרדכי ווי גרויס זיין נאָמען איז געוועזען נישט בלויז ביי יודען נאָהר אפילו גזלנים האָבען געציטערט פאר זיין נאָמען :

איינמאָהל זענען עטליכע חסידים צוריק גייענדיג פון זייער רבי'ן ר' מרדכי פערבלאָנדזעט געוואָהרען אין זייא זענען פערקראָכען אין זייער אטיפען וואלד אריין, דערווייל איז געוואָהרען נאכט האָבען זייא שוין אודאי נישט געפינען דעם ריכטיגען וועג אין זייא האָבען זייער מורא געהאט צוא פערבלייבען אין וואלד ווייל עס איז געוועזען זייער א גידעכמער וואלד טאָמער איז דאָרט דאָה חיות רעות. זענען זייא ווייטער אזוי געגאנגען, פלוצלינג האָט איינער פון זייא דערזעהן פון דערווייטענס עפיס א ליכט שטראהל האָט ער געוויזען זיינע חבירים האָבען זייא זיך זייער געפרייט ווייל זייא האָבען גערעכענט אז דאס איז אשטראהל פון עפיס א ישוב, אין זייא זענען גאָך געגאנגען נאָך דעם שטראהל ביז זייא זענען צוא געקומען גאָהר נאָהנט האָבען זייא געזעהן אז דער שטראהל גייט פאקע ארויס פון א שטיב, האָבען זייא זיך גאָך מעהר געפרייט. ווייל יעצט וועלען זייא האָבען וויא דיא נאכט איבער צוא נעכטיגען און אין דערפריא וועלען זייא מיט דיא מענטשען גייען אין שטאָדט אריין. אָבער אריין קומענדיג אין שטאָדט אריין האָבען זייא געזעהן. אז דאָה איז א בעהעלטינעש פון גזלנים אין זייא זענען אלע געשטאנען ביי דער שענדליכער ארבייט איינער האָט געשארפט א שווערד אין א צווייטער א שפיז אין אזוי אנדערע כלי זין. דאמאָלסט איז זייא זייער פרייד פערקערט געוואָרען צו א א טרויער. אין פון גרויס שרעק האָבען זייא געוואָלט

געוואָלט צוריק אַרויס לויפען, אָבער דיא גזלנים האָבען אויף זייא געגעבען אַ געשרייא דאס ווער עס וועט לויפען פון שטוב אַרויס וועט אויף דעם אָרט באַלד צושניטען ווערען, האָבען זייא געמוזט בלייבען שטיין אין שטיב אין זייערע גאַנצע קערפערס האָבען געציטערט און זענען בעדעקט געוואָרען מיט אַ טויט שוויס זעהנדיג דיא שרעקליכע גזלנים מיט זייערע בלאַנקענדיגע שווערדען:

באַלד וויא דאָס שאַרפען כלי זיין איז פערענדיגט געוואָהרען איז איינער פון דיא גזלנים אַריין געגאַנגען אין אַ צווייטע שטוב אַריין, און ער האָט געמאָלדען, זייער הויפטמאַן פון דיא געבראָטענע טייבעלעך וועלכע זענען אַליין אַריין געפלויגען אין זייערע הענד אַריין וואָס מען זאָל מיט זייא טוהן, און אין אַ קורצע ווילע דערנאָך איז אַריין געקומען דער הופטמאַן אין בעגלייטונג פון דעם שליח, און איז צו געגאַנגען צו דיא יודען און ער האָט זייא געפרעגט פון וואַנען זייא קומען דאָה אַ הער, האָבען זייא איהם דערציילט דיא גאַנצע מעשה. דאָס זייא פאָהרען פון טשערנאָבעל זייא זענען געוועזען בייא דעם רבין ר' נחום און יעצט צוריק צו וועקס האָבען זייא געבלאָנזעט אין וועג ביז זייא זענין דאָה אַ הער צו געקומען, דער הויפטמאַן האָט געזעהן אַז זייא ציטערין אַזוי האָט ער זייא געזאָגט איהר דאַרפט אייך גאָהר נישט שרעקען וויל מיר וועלען אייך קיין שום שלעכטץ נישט טהון, איך קען אייער ראבין שוין פון זעקס יאָהר צייט אין איך וועל אייך דערציילען פון וואַנעט איך קען איהם. דיא מעשה איז אַזוי געוועזען איינמאָהל האָבען מיר געטראָפען אדורך פאָרען סוחרים וויא גיוועהנליך אינזער פראָפעסיע איז האָבען מיר דיא פיהר אָבגעשטעלט און אַז מיר האָבען נאָך דערזעהן אַז דיא רייזענדע סוחרים זענען יודען און נאָך דער צו חסידישע האָבען מיר שוין געוויסט אז קיין שום ווידערשטאַנד פון זייער זייט וועט נישט זיין אין מיר האָבען בעשלאָסען זייא צו דער האַרגינען און זייער געלט צו בערויבען, אָבער פלוצלינג האָב איך דערזעהן אַז לעבען מיר שטייט אַ ראַבין און זיין פנים האָט געשטראַהלט וויא דיא זונן און זיין אויסזעהן איז געוועזען וויא אמלאך פון הימעל, עס האָט פון איהם געשלאָגען אַ גרויסער פחד, אָבער מיר זענען דאָך שוין נישט דאָס ערשטע צעהנדליג יאָהרען אין דעם פאַך און מיר זענען שוין דורך געגאַנגען פערשידענע שרעק בילדער, דערובער האָב איך גאָהר קיין אכט נישט געלייגט אויף

דעם

דעם שרעק בילד וועלכעס האט זיך מיר פאהר גישטעלט.

אבער דאה האט זיך דער אלטער צוא מיר מעהר דערגעהנטערט און ער האט מיר שטרענג א זאג געטהון זאלסט וויסען איך זאג דיר אויף דיין גיטען אז דיא זאלסט דיא מענטשען קיין שלעכטץ נישט טיהן וויל אויב דיא וועסט זייא עפיס טוהן וועסטע באלד שטארבען אויפען ארט, איך בין אויף איהם זייער בייז געוואהרען און האב אויף געהויבען מיין שווערד און אויך האב איהם געוואלט דעם קאפ אבהאקען אבער אזוי וויא איך האב אויף געהויבען מיין האנד מיט דער שווערד. האב איך זיא שוין נישט געקענט אראב לאזען און איך בין אין גאנצען געבליבען שטיין פערשטיינערט אזוי וויא א שטיין און איך האב געפיהלט דאס מיין גאנצער כח איז אב גענומען געוואהרען. דאמאלסט האט דער אלטער מאן פיז מיר געלאכט און ער האט מיר געזאגט יעצט טיה וואס דיא קענסט אבער איך בין נישט געוועזעןביים כח אפילו פין ארט אוועק צוא רוהרען זיך האב איך איהם זייער געבעטען אז ער זאל מיר מוחל זיין און מיר צוריק געבען דיא כחות אזוי וויא איך בין געוועזען. האט ער מיר גיענטפערט דאס איך זאל איהם צוא שווערען אז איך וועל קיינמאהל זיינע חסידים קיין שלעכטץ נשט טהוען און וויא באלד אייבער וועט מיר זאגען דאס ער איז געוועזען אין טשערנאבעל בייא דעם רבי׳ן זאל איך איהם שוין אב לאזען, און וויא וויט מיגלעך זאל איך קיין יודען בכלל נישט ראביוען, דאמאלסט וועט ער מיר צוריק געבען דיא כחות. זעלבסט פערשטענדליך דאס איך האב געמיזט אויף דעם צוא שווערען און דאמאלסט האב איך צוריק בעקומען דיא כחות, אבער טראץ איך בין א גזלן האלט איך ערליך מיין שבועה און וויל איהר האט מיר געזאגט דאס איהר זענט טשערנאבעלער חסידים וועל איך אייך גאהר נישט טוהן און ער האט זייא ארויס געפיהרט בשלום פין דעם וואלד. זייא זענען גלייך געפאהרען צוריק קיין טשערנאבעל דערציילען דעם רבי׳ן דאס נס וואס זייא איז געשעהן, נאהר אזוי וויא זייא זענען צוא געקומען צוא דעם חדר וויא דער רבי ר׳ נחום איז געזעסען איז ער זייא אקעגען געגאנגען און ער האט צוא זייא געזאגט מיט א שמייכעל נוא דיא גזלנים האבען אייך גאהר נישט געטוהן, און דער זכות פין דעם הייליגען רבי׳ן ר׳ נחום און דער זכות פין דיא הייליגע צדיקים

זאלען

זאָלען אונז בייא שטיין מיר זאָלען ניצול ווערען פון כל מיני שלעכטץ אָמן :

---

## אַ וואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם היילינגען רבין ר׳ נחום וויא ער האט מיט זיין תפילה מחיי׳ מתים געוועזען;

איינמאהל איז דער רבי ר׳ נחום געקומען צו דעם היילינגען בעש״ט האָט איהם דער בעש״ט געפרעגט וואָס האָט איהר נעכטין אזוי אַ גרויס רעש אָהנגעמאַכט אין אַלע הימלען מיט אייער מנחה דאַווינען, האָט איהם דער רבי ר׳ נחום גיענטפערט דיא מעשה איז אַזוי געוועזען איך בין געפאָהרען מיט אַ גוישען בעל עגלה. און אין דרויסען איז געוועזען זייער אַ גרויסער פראָסט איז דער גוי דער בעל עגלה געפרוירען געוואָהרען און איז געבליבען ליגען טויט אויפען וואָגען, איך האָב נישט געוויסט וואָס פאַר אַ עצה צו טהון האָב איך גענומען דיא לייצען אין דער האַנד אריין און בין אליין געפאָהרען וויא איך בין אַדורך געפאָהרען דורך איין דאָרף איז דאָרט געוועזען אַ גרויסע שענק זענען דאָרט אין דרויסען געשטאַנען גוים וויא זייא האָבען געזעהן דאָס דער גוי ליגט טויט אויף דער פוהר האָבען זייא געזאָגט דאָס איך האָב איהם זיכער דער האַרגעט, האָבען זייא מיר אויך אליין געמאַכט אַ פסק אין האָבען בעשטימט דאָס עס קימט מיך אויך צו הארגיגען. איך האָב געזעהן אַז דאָה וועט מיר ניט העלפען קיין גיבעט אין קיין געוויין, האָב איך זייא געבעטען זייא זאָלען מיך חאָטש לאָזען דאַווינען מנחה. אין געלויבט השי״ת דאָס ער האָט זיי איינגעגעבען אין געדאַנק זייא זאָלען מיר דאָס צוליעב טוהן :

ווען כבטפער שנענדליך דאָס איך האָב געדאַוועגט מנחה פון טיעפען הארצען אין מיט גרויס כוונה, האָט השי״ת געהאָלפען דאָס דער גוי איז פלוצלינג אויפגעשטאַנען פון דעם וואָגען. אין ער האָט זיך ארום געקוקט וויא ער איז פון דער וועלט דיא אַלע גוים זענען צוא איהם צוא געלאָפען פרעגען עין וועלכען דאָרף ער איז אין וואָס ער איז אַזוי געלעגען וויא אַ טויטער אויף

דעם

דעם וואגען צוא דאס האט דער יוד איהם געוואלט הארגינען האט ער זייא בעזאגט דאס זייא זאלען דעם יוד נישט בעשולדיגען ווייל דער יוד איז אגרויסער ראבין און אגיטער מענטש נאהר ער האט זיך צוא געקוהלט און ער איז אזוי געבליבען ליגען אהן בעוועגונג איז ער געפרוירען געווארען, אבער איך האב קיין שום שולד נישט און זיין טויט, און וויא ער האט דיא ווערטער אבגעזאגט איז ער צוריק אנידער געפאלען טויט. דיא גוים האבען זיך באלד אבגעלאזט און האבען מיך נאך צוא געפיהרט אין שטאדט אריין. דאס איז געוועזען דער רעש און הימעל פון מיין מנחה. דער זכות פון דיא אלע צדיקים זאלען אונז ביא שטיין און מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אמן:

---

## דאס גרויסקייט פון דעם הייליגען רבי'ן ר' נחום זכרונו לברכה:

איינמאהל האבען זיך געטראפען דער רבי ר' נחום מיט דעם רבי'ן ר' ברוך מעזיבעזער אין איין שטאדט. און זייא זענען געשטאנען אויף איין סטאנציע באהר געדאווענט האבען זיי אין בעזינדערע ערטער דער רבי ר' נחום האט געדאווינט אין טשערנאבעלער שטובעל און דער רבי ר' ברוך אין מעזיבעזער שטובעל. שבת און דער פריא איז דער רבי ר' ברוכעל צוריק געקומען פון דאווינען. און דיא גבאים האבען שוין אלעס גרייט געמאכט צום טיש אבער ווייל דער רבי ר' נחום איז געוועזען עלטער פון דעם רבי'ן ר' ברוכעל האט דער רבי ר' ברוכעל נישט געוואלט גיין צום טיש ביז דער רבי ר' נחום וועט אויך גיין צום טיש. דער רבי ר' נחום האט אבער זייער מאריך געוועזען דאמאלסט ביים דאווינען און דער רבי ר' ברוכעל האט שוין נישט געקענט אזוי לאנג ווארטען איז ער געגאנגען צום טיש איידער דער רבי ר' נחום איז געקומען פון דעם דאווינען. מען האט שוין געהאלטען אין מיטען עסען איז הערשט דער רבי ר' נחום געקומען פון דעם דאווינען, וויא ער איז אריין געקומען האט דער רבי ר' ברוכעל צוא איהם געזאגט מיט א שמייכעל. איהר זענט א זקן

מעכב

מעכב את האכילה" דאָס איז דער פּראָפּטער מײַן פין אַ דין אין שולחן ערוך אַז דיא וואָנסעס וועלכע שטערען צום עסען ווען דיא האָר זענען גרויס מעג מען זייא אָבגאָהלען. אָבער דאָס וואָרט „זקן" האָט חוץ דעם טייטש „באָרד" נאָך איין טייטש „אַלטער" אין דאָהאָט נאָהר דער רבי ר' ברוך אַלעס מליצה בענוצט דעם אויסדריק „זקן" אין ער האָט געמיינט דעם טייטש „זקן" „אַלטער" דאָס ער האָט אויף איהם געוואָרט מיט דעם עסען, אָבער וויל דער דין שטייט דאָך אַז „זקן" דאָס הייסט דיא באָרד וועלכע שטערט צום עסען מעג מען אָבשניידען הייסט דאָס דאָך אַ ענין קללה ח"ו, אין דער רבי ר' נחום איז געוועזען אין דעם ענין זעהר געהיטען נישט אַרויס צו זאָגען אַ לשון וועלכעס האָט אַנאויסדריק פון שלעכטץ ח"ו, דרובער האָט זיך דער רבי ר' נחום אָבגעבייזערט אויף דעם רבין ר' ברוכעל אין גיענטפערט עסט עסט, ווער בעט אייך דען איהר זאָלט אויף מיר וואַרטען, דיא ווערטער האָבען נישט געווירקט אויף זייא ביידע אין זייא זענען געזעסען ביים טיש ווי ברוגז:

וויא געוועהנליך האָט מען אַביסעל ביים טיש מאַריך געוועזען אין מען האָט אויך געטרונקען משקה אין נאָך דעם טיש זענען זיך די ביידע רבים געגאַנגען אַביסעל אָברוהען, אין זייא האָבען געהאַט צוויא צימערען פון איינעם איז מען אַריין געגאַנגען אין צווייטען אין דעם פאָרענדיגען איז געוועזען דער רבי ר' ברוכעל און אין דעם צווייטען דער רבי ר' נחום, אין אַז רבי נחום האָט געוואָלט אַרויס גייען האָט ער געמוזט אַדורך גיין דורך דעם חדר פון רבין ר' ברוכעל, פונקט האָט געטראָפען דאָס דער רבי ר' נחום האָט זיך פרוהער אויפגעהויבען פון דעם רבין ר' ברוכעל אין ער איז אַרויס געגאַנגען, אַדורך גייענדיג דורך דעם חבר וויא דער רבי ר' ברוכעל איז געלעגען האָט ער בעמערקט דאָס דער רבי ר' ברוכעל ליגט אין קרעכצט אין וויינט שטאַרק, זעלבסט פערשטענדליך דאָס ער האָט פערגעסען באַלד זיין פריהערדיגע הקפדה וואָס ער האָט געהאַט אויף דעם רבין ר' ברוכעל אין איז גלייך צו בעלאָפען צו זיין בעטעל אין ער האָט איהם געפרעגט וואָס איהם איז געשעהן אין וואָס ער וויינט אַזוי, האָט דער רבי ר' ברוכעל איהם בעזאָגט מיין זיידע אייער רבי דער הייליגער בעש"ט איז פריהצר צו מיר בעקומען אין ער האָט מיר געזאָגט איך זאָל גיין איבער בעטען דעם רבין ר' נחום וויל ער איז אַ גרויסער חשוב אין הימעל אין מען איז דאָרט

דאָרט זייער מקפיד אויף זיין כבוד, און איך בין אַזוי נישט געוואָהרענט געוועזען און האָב היינט פוגע געוועזען אין אייער כבוד, און דרובער האָב איך געוויינט פער וואָס זאָל איך נישט היטען מיין מויל, און איך זאָל דערנאָך דאַרפען גיין איבער בעטען אַ מענטש וואָס ער איז אַ גלייכער בשר ודם מיט מיר, דער רבי ר' נחום איז דער פון שטארק נתפעל געוואָהרען און ער האָט איבער געבעטען דעם רבין ר' ברוכ'ל וואָס ער האָט איהם פערשאַפט עגמת נפש, און זייא האָבען זיך ביידע מוחל געוועזען און דאָס פריינדשאַפט איז צוריק איבער נייעט געוואָרען, זייער זכות זאָל אונז בייא שטיין און מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גיטען אמן:

---

## וויא אַזוי דער רבי ר' מאָטעלע טשערנאָבעלער איז געבוירען געוואָהרען:

**וויא** מיר האָבען שוין געשריבען אין דעם חשובען ספר „בית נחום" איז דער היילינער רבי ר' נחום טשערנאָבעלער זכרונו לברכה אַלעס מינדעריעהריגער יתום אויפגעצויגען געוואָהרען בייא זיינעם אָפעטער ר' הירשעלי'ס זכרונו לברכה אַברודער. דער רבי ר' נחום האָט דאָס בעשלאָסען אָבצו דאַנקען דער מיט וואָס ער האָט אויך צוא זיך גענומען אַ יתום פון איינעם פון זיין פאַמיליע און ער האָט איהם אויף געצויגען אַזוי בין ער איז ראוי געוועזען מיט איהם אַ שידוך צו טוהן. אין דער זעלבער צייט האָט אויך זיין רבי דער מעזריטשער מגיד דער היילינער רבי ר' בער זכרונו לברכה מגדל געוועזען אַ מיידעל אַ יתומה פון זיין פאַמיליע:

**איינמאָהל** האָט דער רבי ר' בער געזאָגט צו זיין תלמיד דעם רבין ר' נחום דאָס ער וויל זיך משדך זיין מיט דעם יתום וואָס ער דער רבי ר' נחום איז מגדל, זעלבסט פערשטענדליך דאָס דער רבי ר' נחום האָט מיט צוא פרידענהייט דרויף איינגעשטימט אויב נאָהר דיא חתן כלה וועלען זיך געפעלען מען האָט אָב געשטימט אַ זמן און דער רבי ר' נחום איז געקומען מיט דעם חתן קיין מעזריטש. און דיא חתן כלה זענען זיך געפעלען האָט מען צוא מזל געשריבען תנאים

ער

קיין זמן חתונה האָט מען נישט אָבגעשמיסט ווייל דער רוב צדיקים פון דאַמאָלסדיגען דור זענען געוועזען בייא דעם מיינונג אַז דאָס וואָס מען שרייבט איין אין דיא תנאים אַ זמן חתונה איז דער גרעסטער גורם צוא דיא שפּעטערדיגע עיכובים אין עגמת נפש וועלכע קומען פאָהר צווישען דיא מחותנים אין חתן כלה זעלבסט. ווייל דער בעל דבר ארבייט מיט אַלע זיינע קרעפטען ער זאָל ברענגען דער צוא מען זאָל נישט חתונה מאַכען אין דעם פריהער בעשטימטען זמן, אין דערנאָך מאַכט זיך שוין פאַרשידענע פּראָטענציעס דאָס יעדען צד לייגט ארויף דיא שולד אויף דעם צווייטען אין אַזוי ווערט מען צוקריגט אין פיהל מאָהל ברענגט עס צוא נישט געווינטשענע רעזולטאַטען אויך נאָך דער חתונה. דרובער פלעגט מען בשעת דיא תנאים אפילו גאָהר נישט שמיסען דערפון, נאָהר דערנאָך פלעגען זיך דיא מחותנים צוא גרייטען אין וועלכער עס איז פריהער פאַרטיג געוואָהרען מיט אַלע חתונה זאַכען האָט ער בעפוילען דעם צווייטען צד דאָס ער זאָל זיך אויך צוא איילען:

**איינמאָהל** איז דער רבי ר׳ נחום געוועזען בייא זיין רבי׳ן אין מעזעריטש. האָט דער הייליגער מגיד איהם געפרעגט ווען ער האַלט בייא חתונה מאַכען האָט דער רבי ר׳ נחום איהם געענטפערט איך בין גרייט צוא יעדען צייט ווען דער רבי וועט וועלען האָט דער מגיד געזאָגט איך נעם דאָך דאָס פאָהר פאַלק אויף קעסט דרובער וועל איך נישט חתונה מאַכען ביז איהר וועט מסלק זיין דעם גאַנצען נדן וואָס איהר האָט צוא געזאָגט, דער רבי ר׳ נחום האָט פון זיינע חסידים קיין געלט קיין פדיונות כמעט וויא נישט גענומען אין אַז ער האָט יאָה אַמאָהל גענומען האָט ער עס באַלד ציא טיילט אויף צדקה, דרובער האָט ער געמוזט אַרויס פאָהרען צוא דיא פיהל חסידים וואָס פלעגען צוא איהם קומען אין צו זאַמען נעמען בייא זייא אויף דער גרויסער מצוה פון הכנסת כלה. אָבער ער האָט געהאַט פיהל סיבות אין עיכובים אין דעם דאָזיגען וועג איידער ער האָט בעקומען דיא סומע וועלכע ער האָט געדאַרפט, אין צולעצט אַז ער האָט שוין יאָה געהאַט די גאַנצע סומע בשלימות האָט זיך געמאַכט אַז ער איז אַדורך געפאָהרען דורך איין קליין אָרים שטעדטעל אין זייא האָבען נישט געהאַט קיין מקוה, אין זענין נישט געוועזען ביכולת בשום אופן זיך אויס צו בויען

בויען קיין מקוה אפילו זייא זאלען טוהן איבער דיא כוחות. דערויבער האט ר׳ נחום נישט לאנג געקלערט אין ער האט זייא דאס אנגעזאמעלטע געלט אוועק געגעבען זייא זאלען זיך פאר דעם געלט אויפשטעלען א מקוה. אין ער איז צוריק געקומען צו דעם היילינען מגיד קיין מעזריטש מיט ליידיגע הענד גלייך אזוי וויא ער איז אוועק געפאהרען, אין אז ער איז אריין געגאנגען שלום געמען האט דער מגיד איהם געפרעגט צי ער האט שוין דעם נדן בשלימות האט דער רבי ר׳ נחום איהם דער ציילט דיא גאנצע נסיעה וויא איהם איז צו געגאנגען אין אז עס איז איהם זייער שווער אהנגעקומען דאס געלט צונויף צו נעמען אבער לסוף האט זיך איהם געטראפען אזוי א גרויסע מצוה מזכה צו זיין יודישע קינדער מיט א מקוה כשרה, וועלכע זייא וואלטען אהן דעם געלט בשום אויפען נישט געוועזען אויף געשטעלט, אין עס פלעגט פון דעם ארויס קומען גרויסע מכשולים ר״ל, ע״כ גיט ער דעם פאהר פאלק דיא מצוה וואס ער האט געטהון מיט דעם געלט וואס ער האט געזאמעלט פאר זייערט וועגען, אבער דער הייליגער מגיד וואס ער האט געוואלט דיא אלע תיקונים וואס ער טהוט מיט זיין ארום פאהרען האט איהם ספעציעל נישט געוואלט שענקען דעם נדן אין ער האט איהם נאך א מאהל געזאגט איך האב אייך שוין איינמאהל געזאגט דאס איך וועל פון דעם נדן קיין איין גראשען נישט אבלאזען, אין איהר מוזט זעהן צו ברענגען דאס גאנצע געלט בשלימות ווייל אויב עס וועט פעהלען אפילו איין פרוטה וועל איך נישט חתונה מאכען:

**אלזא** עס האט נישט געהאלפען קיין שום בעטען אין דער רבי ר׳ נחום האט זיך געמוזט נאך אמאהל לאזען, אין זיין אלטעגליכען וואנדער וועג אריין צונויף זאמלען דיא נויטווענדעגע סומע, און אין דעם יעצטיגען וועג האט שוין דער רבי ר׳ נחום געהאט מעהר הצלחה ויא אין זיין ערשטען וועג אין במשך עטליכע וואכען האט ער צונויף געזאמעלט דיא גאנצע סומע וועלכע ער האט צו געזאגט אויף נדן, אין אויך אויף החתונה מלבושים אין אנדערע חתונה הוצאות, אין עס איז איהם נאך איבער געבליבען פערציג רובעל, דער רבי ר׳ נחום איז צוריק געקומען צו זיין רבין דעם הייליגען מעזריטשער מגיד אין האט בייא געלייגט דאס גאנצע געלט וועלכעס ער האט געהאט צו געזאגט צוא געבען נדן, אין מען האט אבגעשמיסט צוא מזל א זמן חתונה ארויס גייענדיג האט ער גיהערט אז זיין רבי דער הייליגער מעזריטשער מגיד האט אריין גערופען זיין פרויא דיא רביצין אין ער האט

איהר

איהר גֶעזָאגְט אַזוֹי וויא דער מחותן האָט בעלייגט דעם גאַנצען נדן אַזוֹי וויא ער האָט צוּ געזאָגט. דאַרפֶען מיר דאָךְ חאָטש געבען אַשיין דרשה געשאַנק, אַלזא איז מיין דעה דאָס מיר זאָלֶען געבען דיא זילבערנֶע לייכטער וואָס דיא צינדס אין זייא שבת ליכט, אין דיא וועסט צינדען ליכט אין פּראָסטע לייכטער, האָט די רביצין אָהנגעהויבען צוּ וויינען, דאָס זיא וועט נישט קענען מכבד זיין דעם שבת אַזוֹי וויא זיא איז שוין געוואָהנט פון עטליכע יאָהר. וויא דער רבי ר' נחום האָט דאָס געהערט איז ער תיכף צוריק אַריין געגאַנגען אין ער האָט אַנידער געלייגט דיא פערציג רובעל פאַר זיין רבין דעם הייליגען מגיד, דאָס ער זאָל פאַר דעם געלט קויפען דרשה געשאַנק, דעם פאַהר פאָלק. דער הייליגער מגיד אין זיין פרוי דיא רביצין זענען דערפון געוואָהרען זייער פריילעך אין דיא רביצין האָט געזאָגט צוּ איהר מאַן דעם הייליגען מגיד מען זאָל דעם מחותן עפּיס אָבדאַנקען פאַר דעם דרשה געשאַנק. האָט דער הייליגער מגיד געזאָגט אַזוֹי וויא עס דאַרף דאָס יאָהר אַראָב קימען אויף דער וועלט אַ הייליגע נשמה וואָס שוין זייער אַלאַנגע צייט איז אַזוֹי אַ נשמה נישט געוועזען אויף דער וועלט אין זיא וועט פערלייכטען דיא וועלט מיט איהר צדקות אין הייליגקייט בענטש ער דעם רבין ר' נחום אז דיא נשמה זאָל ביי איהם געבאָהרען ווערען:

דער רבי ר' נחום האָט זיך זייער שטאַרק דערפרייט וואָס ער האָט בעקומען פון דעם הייליגען מגיד אַזוֹי אַ ברכה, אין ער איז אַ צופרידענער אַהיים געפאָהרען צוּ גרייטען זיך אויף דער חתונה מיט אַלעמען. דער ווייל איז איהם אייגגעפאַלען אַזוֹי וויא ער ווייסט דאָס אויף דיא נשמות וועלכע זייא דאַרפֶען אַראָב צוּ קימען אויף דער וועלט האָבען צוּ זאָגען נאָהר דיא צווייא הייליגע צדיקים זיין רבי דער הייליגער מעזריטשער, אין דער הייליגער רבי ר' פנחסעל קאָריצער, אין ווען זייא בענטשען אַז דיא הייליגע נשמה זאָל ביי איהם געבאָהרען ווערען טוהט מען אַזוֹי אין הימעל, האָט ער זיך איבער גירעכענט טאָמער וועט דער הייליגער רבי ר' פנחסעל קאָריצער בענטשען אַ צווייטען דאָס דיא נשמה זאָל ביי יענעם געבאָהרען ווערען. דרוּבער איז גלייך דאָס ער זאָל תיכף פאָהרען קיין קאָריץ דאָס דער הייליגער קאָריצער זאָל אויף מסכים זיין דאָס דיא הייליגע נשמה זאָל ביי איהם געבאָהרען ווערען, וויא ער איז געקומען צוּם הייליגען רבין ר' פנחסעל קאָריצער האָט ער איהם זייער מכבד געוועזען אין ער האָט איהם אויך צוּ געזאָגט דאָס דיא

הייליגע

הייליגע נשמה וועט בייא איהם געבּאַהרען ווערען, דאַמאַלסט איז איהם געבּאַהרען געוואָהרען דער הייליגער אין איבּעראַל בּעוויסטער רבי ר' מאָטעלע וועלכער זיין גיטער נאָמען איז בּעשמט געוועזען אין גאַנץ רוסלאַנד אין פּוילען אין עסטרייך. דער מחותן פון בּעוויסטען הייליגען צדיק וואָס זיין גוטער נאָמען איז געהערט געוואָהרען אין דער גאַנצער וועלט דער רבי ר' ישראל'טשע ריזינער זכרונו לברכה, אין דער פאָטער פון די אכט גרויסע צדיקים וואָס זייא האָבען פערשיינט גאָהר דיא וועלט מיט זייער הייליגקייט, דער רבי ר' אהרן טשערנאָבּעלער זכרונו לברכה דער עלצטער זאָהן וועלכער איז געוועזען דער ממלא מקומו פון זיין הייליגען פאָטער ר' מאָטעלע זכרונו לברכה. אין דער רבי ר'נחום מאַקאָרובע, וועלכער איז איהם געקומען אויף קידוש השם, איהם ראש השנה, השם ינקום דמו, דער רבי ר' יעקב ישראל טשערקאַסער, דער רבי ר' משה קאַרשטשאָבּער. דער רבי ר' דוד טאלנער דער מחבר פון דיא בּעוויסטע חסידישע ספרים מגן דוה, ברכת דוד, דער רבי ר' אברהם, וואָס איז בּעוויסט מיט דעם נאָמען טריסקער מגיד, אין איז דער מחבר פון טיעפזיניגען חסידישען ספר מגן אברהם, דער רבי ר' יצחק סקווירער, דער רבי ר' יוחנן ראַמיסטרובקער זכרונם לברכה:

איינמאהל נאָכדעם וואָס דער רבי ר' נחום איז נפטר געוואָהרען, אין זיין זאָהן דער רבי ר' מאָטעלע האָט אָהנגעהויבּען צו פיהרען, איז ער זייער קראַנק געוואָהרען אין איז געלעגען עטליכע וואָכען צו בּעט, דער וויל האָט זיך געמאַכט דאָס דער משמש זיינער וועלכער איז נאָך געוועזען אַ משמש בּייא זיין הייליגען פאָטער דער רבי ר' נחום זכרונו לברכה אין ער איז שוין געוועזען אַ זקן מופלג. איז אויך זייער שטאַרק שלאָף געוואָרען אין מען האָט שוין געזעהן דאָס דיא כוחות פערלאָזען איהם אין ער איז שוין נוטה למות ר"ל, איז דיא חסידים איינגעפאַלען אַ געדאַנק דאָס מען זאָל דעם משמש מאַכען פאַר אַ שליח צו דעם רבין ר' נחום דאָס ער זאָל בּעטען פאַר זיין זאָהן דער רבי ר' מאָטעלע ער זאָל האָבּען אַ רפואה שלימה, זייא זענען בּעגאַנגען צום רבין אין איהם דערציילט זייער פאָהרשלאַג, פונקט אין דער צייט האָט השי"ת געהאָלפען דאָס דעם רבין איז אַבּיסעל לייכטער געוואָהרען האָט ער מסכים געוועזען צו זייער פאָהרשלאַג אין ער האָט אַליין אָבּגעשריבּען אַ בּריף צו זיין פאָטער, אין ער האָט בּעהייסען מען זאָל בּעזונדער איהם אָהנזאָגען בּפקודתו דאָס ער זאָל נישט פערגעסען נאָה:

גאָהר אַזוי וויא ער וועט קימען אויף דעם עולם האמת זאָל ער דעם בריף תיכף איבער געבען דעם רבין ר׳ נחום, דער משמש האָט דאָס צו געזאָגט מקיים צו זיין מיט אַלע מעגליכקייטען, און וויא ער איז געשטאָרבען האָט מען דעם בריף אריינגעלייגט דעם משמש אין קבר אריין אין בשעת מעשה נאָך אַמאָהל איהם דערמאַנט דאָס ער זאָל נישט רוהען ביז ער וועט דעם בריף איבער געבען דעם רבין ר׳ נחום און אויספויעלען אַ רפואה שלימה פאַר זיין זאָהן דעם רבין ר׳ מאָטעלע, אָבער עס איז אַוועק געגאַנגען ווידער עטליכע וואָכען נאָך דעם וואָס דער משמש איז נעדר געוואָהרען און מען האָט קיין שום בעסערקייט נישט געזעהן, דיא חסידים האָבען זיך דרויף זייער געווינדערט ווייל זייא האָבען געוויסט אַז דער הייליגער רבי ר׳ נחום האָט זיין זאָהן דעם רבין ר׳ מאָטעלע זייער ליעב געהאַט, און דער משמש איז אויך געוועזען זייער אַ איבערגעגעבענער פריינד דעם רבין ר׳ מאָטעלע און אַ ערליכער יוד דאָס ער האָט זיין וואָרט געוויס נישט געבראָכען, דרובער איז דיא זאַך בייא זייא געוועזען אונפערשטענדליך און אַזוי וויא אַרעטניש:

ליידער איז איבער געגאַנגען נאָך עטליכע וואָכען און עס איז גאָהר נישט בעסער געוואָהרען און וויא דיא וועלט זאָגט אַ קראַנקען אַז עס ווערט נישט בעסער ווערט ערגער, עס איז שוין געוועזען אַזוי שלעכט דאָס דער עולם האָט געמיינט דאָס עס איז שוין אַלעס פערפאַלען און דער רבי וועט ח״ו נסתלק ווערען אָבער דאָה האָט זיך אין דער קריטישסטער מינוט געוויזען אַ שינוי צום בעסערינג און ער האָט אָהן געהויבען צו שוויצען און עס איז אַזוי ביסלעכווייז בעסער געוואָהרען ביז אין עטליכע וואָכען אַרום איז דעם רבין אינגאַנצען בעסער געוואָהרען און ער האָט שוין געקענט אַראָב גיין פון בעט און ער איז געקומען צוריק צו דיא כוחות, און אַז השי״ת האָט געהאָלפען דאָס ער איז שוין פאָלקאָם אַרויס פון דער קרענק האָט ער געמאַכט אַ סעודת הודאה, און ער האָט געמאַכט אַ ברכה אַזוי ווי דער דין איז, דערפון איז ער זייער פריילעך געוואָהרען, דיא חסידים האָבען געזעהן דאָס דער רבי איז זייער פריילעך האָבען זייא געפרעגט צו דער משמש האָט מקיים געוועזען זיין שליחות האָט ער זייא געענטפערט, דאָז ער האָט זיין שליחות מקיים געוועזען ווי אַ אמת׳ר גיטער פריינד מיט אַלע כוחות האָבען זייא איהם בעפרעגט פאַר וואָס דען איז דעם רבי נישט באַלד בעסער געוואָהרען, און עס האָט זיך גאָהר אויסגעוויזען אַז עס איז ערגער געוואָרען:

האָט

האט זייא דער רבי ר׳ מאָטעלע אזוי געענטפערט, איך וועל אייך דערציילען דיא מעשה וואָס עס איז געוועזען מיט דעם משמש, אזוי וויא ער איז געקומען אויף דעם עולם העליון, האָט ער זיך נאָך געפרעגט בייא דיא נשמות וועלכע זענען געוועזען מיט איהם אין איין היכל וויא עס איז דאָס ארט פון רבין ר׳ נחום זכרונו לברכה, האָבען זייא איהם געענטפערט מיט אַ גרויס וואונדער, נאָך וואָס פרעגסטו עפיס אויף דעם גרויסען היילעגען צדיק ווייסט די דען נישט דאָס אַזעלכע קליינע בעלי מדריגה וויא מיר וואָס רוהען דאָה האָבען אַפילו נישט קיין רשות צו צי גייען צו זיין מחוצה ווייל ער איז אזוי הייליג און אין אַזעלכע הויכע עולמות דאָס מיר האָבען נישט קיין רשות דאָרט אַרויף צו גיין דרובער האָט ער גאָהר נישט געוויסט וויא מיין פאָטער דער הייליגער רבי ר׳ נחום איז דאָה. נאָהר איינמאָהל האָט מען איהם מעלה געוועזען אין אַ העכערע מדריגה וויא ער איז פריהער געוועזען אין דרויבער האָט ער געמוזט זיך טובל זיין אין נהר דינור, דאָס הייסט דער פייערדיגער טייך אין ער איז דרובער אוך אַדורך געגאַנגען דורך זייער אַגרויס היכל אין ער איז געוועזען אַרום געריגנעלט פון אַ גאַנצע מחנה מלאכים פון פאָרינט און פין הינטען אין פון אַלע זייטען דאָס ער האָט נישט געקענט צו איהם צו קומען. ער איז דאָך אָבער אַנערליכער יוד און אַ אמתער גיטער פריינד האָט ער זיך מיישב געוועזען אין ער האָט אָנגעהויבען צו שרייען מיט זייער אַיאָמערליך קול רבי רבי אין איין אָטעם, האָט מיין פאָטער דער הערט דאָס געשרייא אין ער האָט זיך אָב געשטעלט אין איהם געפרעגט ווער ער איז האָט ער זייער פערוואונדערט געזאָגט דער רבי קען מיך נישט איך האָב דאָך אין יענעם עולם דעם רבין אַלאַנגע צייט משמש געוועזען, אָבער מיין פאָטער האָט איהם געענטפערט איך קען דיך גאָהר נישט, נאָהר זאָג וואָס פערלאַנגסט דיא וואָס האָסט מיך גערופען, דער משמש האָט מיין פאָטער אָהנגעהויבען צו דערמאַנען פערשידענע זאַכען פון דער וועלט כדי ער זאָל זיך דערמאַנען ווער דער משמש איז, אין ער האָט איהם נאָך אמאָהל איבער גיפרעגט ער זאָל זאָגען וואָס ער האָט איהם גערופען אין וואָס ער פערלאַנגט פון איהם, האָט דער משמש געזאָגט איך האָב אייך געוואָלט דער מאַנען איהר זאָלט בעטען אַז אייער זאָהן דער רבי ר׳ מאָטעלע זאָל האָבען אַ רפואה שלימה ווייל עס איז שוין עטליכע וואָכען דאָס ער ליגט צו בעט אין דארף גרויס רחמים מיין פאָטער דער הייליגער רבי ר׳ נחום האָט

א ווײַלע געטראַכט, דער נאָך האָט ער זיך אָהנגערופען איך ווײס גאָהר נישט וואָס דיא זאָגסט איך האָב קײַן שום זאָהן נישט, וויא דער משמש האָט דאָס דער הערט האָט ער זײער ביטערליך זיך צו ווײנט אין געשריגען פער וואָס זאָל דער רבי פערגעסען פון זײַן זאָהן ער איז דאָך אויך א צדיק הדור אין דיא גאַנצע וועלט קלינגט פון זײַן צדקות, אין אַזוי שרײַענדיג האָט ער זיך דערמאַנט אין דעם בריף וואָס איך האָב איהם מיט געגעבען אין האָט גענימען דעם בריף אין ער האָט איהם דער לאַנגט דעם רבין ר' נחום, ווי ער האָט בעטראַכט דעם בריף, האָט ער זיך אָהנגערופען אמת דיא ביסט גערעכט איך האָב טאַקע א זאָהן אויף יענעם עולם, אין ער וועט מיט השי"ת הילף תיכף האָבען א רפואה שלימה, אין אַזוי איז טאַקע געוועזען אין דער זעלבער צײַט האָב איך אָהנגעהויבען צו שוויצען, אין איך בין געקומען צו דיא כוחות, אין מײַן פאָטער האָט דעם משמש זײער געדאַנקט פאַר זײַן געטרייא שליחות, האָט דער משמש געפרעגט מײַן פאָטער, פערוואָס ווען ער האָט איהם געזאָגט פון זײַן זאָהן האָט ער גאָהר נישט געדענקט אין געזאָגט דאָס ער האָט נישט קײַן זאָהן. האָט מײַן פאָטער איהם גיענטפערט זאָלסט וויסען מײַן קינד דאָס דיא צדיקים אַז זײא קומען אויף דעם עולם האמת קענען זײא נישט אַרײַן קומען אין זײערע הײליגע היכלות אַרײַן ביז זײא פערגעסען אין גאַנצען אַלעס וואָס האָט זיך מיט זייא געטהון אויף דער וועלט און אין דיא אַלע מענטשען וועלכע זײא האָבען געהאַט אַ פערבינדיג אויף דער וועלט, אין דאָס איז דאָס ענין וואָס דיא נשמה פון צדיק מיז זיך טובל זײַן אין דעם נהר דינור, דאָס הייסט . אין דעם פײערדיגען טײַך איידער זיא גײט אַרויף אין איהר מקום מנוחה אין דעם גן עדן העליון, כדי זײ זאָלען אַלעס פערגעסען ווײל דאָרט וועלען זײא אויסגעטהון אין גאַנצען פון דער וועלט וואָס זײא קומען , אין יעדען מאָהל וואָס דער צדיק דאַרף אויף גײן אין העכערע עולמות אין קריגען גרעסערע מדריגות מיז ער זיך נאָך אַמאָהל טובל זײַן אין דעם נהר דינור, עס זאָל נאָך מעהר פון איהם פערגעסען ווערען אַלע עניני הגשמיות ער זאָל גאָהר נישט געדענקען צו ער איז געוועזען אויף א אַנדערע וועלט ווײל כל זמן דער צדיק געדענקט נאָך אז ער איז געוועזען אויף דער וועלט, אָדער אפילו ער געדענקט באָהר אין עפּיס פון דער וועלט איז דאָך דאָס א כלל דאָס אין דער זאַך וואָס דער מענטש טראַכט איז ער דבוק קומט דאָך אויס דאָס דער צדיק איז דבוק נאָך אין גשמיות קען ער אין קײַן

העכערע

העכערע היכלות נישט אַריין קומען ווייל דאָרט איז נישט פער האַנדען קיין ציור פון קיין גשמיות, אין איך האַלט שוין ביי אַזעלכע הויכע מדריגות דאָס איך האָב שוין פערגעסען אין גאַנצען אין דעם עולם השפל וועו נישט וואָס דיא האָסט מיר געוויזען דעם בריף פון מיין זאָהן דער רבי ר׳ מאָטעלע וועלכעס איז געשריבען מיט גרויס קדושה וטהרה אַז אפילו אין דעם עולם האָב איך אויך נהנה געוועזען דערפון דאַמאָלסט האָב איך מיך הערשט דערמאַנט אין מיין זאָהן רבי מאָטעלע אין איך האָב תיכף מתפלל געוועזען אין געפויעלט פאַר איהם אַ רפואה שלימה ווייל דאָס איז דאָך אַלעס למעלה מן הזמן דאַרף גאָהר נישט געדויערען פון בעטען אין געהאָלפען ווערען, השי״ת זאָל אונז אויך שיקען זיין הילף כהרף עין אין זכות פון זיינע הייליגע צדיקים אין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

און ווייל מיר האָבען דאָה אין דער מעשה דערציילט וויא דער רבי ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער איז געהיילט געוואָרען דורך דעם דערמאַנונג פון זיינס אַ געטרייעם פריינד וועלען מיר נאָך דערציילען אַ ווינדערליכע ערצעהלונג וואָס זיין מחותן דער הייליגער רבי ר׳ ישראלטשע דער ריזינער זכרונו לברכה האָט אַליין דערציילט, וויא ער האָט אויך געהאַט אַ גרויסע טובה פון זיינעם אַ געטרייעם חסיד וואָס ער איז שוין געוועזען אויף דעם עולם האמת:

איינמאָהל איז דער הייליגער ריזינער זכרונו לברכה געזעסען ביים טיש אין אַרום איהם איז געזעסען דיא גרויסע חשובים זיינע. האָט ער זיך צו זייא אָהנגערופען איהר מיינט אַז נאָהר גרויסע חסידים אין תלמידים חכמים אָדער גאָהר גאונים דאַרף אַ רבי צו האָבען איך וועל אייך דערציילען אַ מעשה פלא וועט איהר וויסען אַז אַפילו אַ פראָסטען ערליכען חסיד דאַרף מען אויך צו האָבען אין איהם מקרב זיין מיט כל מיני התקרבות ווייל אַסאַך מאָהל קען דער רבי האָבען דיא גרעסטע טובה פון גאָהר אַ פראָסטען חסיד וויא באַלד ער איז גאָהר אַנערליכער מענטש אין אַ געטרייער איבער גיגעבענער דעם רבין, דיא מעשה איז אַזוי געוועזען, דאַמאָלסט ווען עס איז אויף מיר געוועזען דיא גרויסע מסירה ר״ל אין איך בין געזעסען אין טירמע אין קיעב, אין השי״ת האָט געהאָלפען דאָס נאָך דער דרישה ותקירה האָט דער שליעדאוואַטעל געזאָגט דאָס איך בין ריין פון אַלעם פערדעכטיגס אין דיא געשוואָהרענע ריכטער האָבען אַרויס געטראָגען זייער אורטייל דאָס

איך

איך בין פאָלקאָם פרייא אָהן אַ שום שטראָף, האָט זיך דער גובערנאַטער ביביקאָוו ימ״ש אָהנגערופען, אמת טאַקע אַז יעצט איז אויף איהם נישט געפינען געוואָהרען קיין שום פערדעכטיגס, אָבער ווייל ער איז זייער אַ גרויס איינפלוסרייכער פערזאָן ביי דיא יודען. דאַרף מען מורא האָבען טאָמער מיט דער צייט וועלען דיא יודען איהם האַלטען פאַר משיח'ן אין אויסרופען פאַר אַ קיסר, אין דאַמאָלסט וועט שוין זיין שווער דיא רעוואָלאָציע אונטער צו דריקען, אלזא האָט ער געמאַכט דעם סאָנד אַזוי אַ מין פאָהרשלאַג, דאָס מען זאָל מיך פערשיקען קיין טיעף סיביר דאָרטען וויא יודען טאָהרען נישט וואָהנען אין עס זאָל זיך קיינמאָהל נישט טאָהרען געפינען ביי איהם מעהר וויא צעהן יודען וועלכע זענען איהם נויטיג צום מנין אין איהר זאָלט נישט מיינען דאָס בלויז ביביקאָוו ימ״ש האָט דעם פאָהרשלאַג געמאַכט נאָהר מען האָט אין הימעל אַזוי מסכים געווען אין איידער דיא גזירה איז געחאַתמעט געוואָהרען האָט מען אויסגערופען אין הימעל דאָס וועהר עס וועט דאָס מודיע זיין דעם ריזינער וועט בעשטראָפט ווערען מיט זעכציג פייערדיגע ריטער. האָט דער פון דער הערט ליב ליטוואַק וועלכען איהר האָט דאָך אַלע געקענט דאָס ער איז געוועזען אַ גאַנץ פראָסטער מענטש. איז ער גלייך אריין געגאַנגען צום בית דין של מעלה אין ער האָט געזאָגט איך בין אויף מיר מקבל דיא זעכציג פייערדיגע ריטער אין וויל שוין גייען אין דערפון צו וויסען טוהן מיין הייליגען רבין דעם ריזינער. אין ווי ער איז צו מיר געקומען אין מיר דערציילט אַז אין היממעל וויל מען אויך מסכים זיין צו דער גזירה, האָב איך געהייסען ער זאָל צוריק גיין צום בית דין של מעלה אין זייא זאָגען פון מיינעט וועגען אַז נישט וויא זייא ווילען וועט זיין, איך בעשטייא בשום אופן נישט דרויף, אין מיט השי״ת הילף איז דיא גזירה בטל געוואָהרען, אין דרויף האָט דער הייליגער ר׳ ישראָלטשע ריזינער זכרונו לברכה אויס געפיהרט. פון דאַנען קענט איהר וויסען דאָס גרויסע ליבשאַפט פון אַ אמת'דיגען חסיד דאָס אפילו אויף יענעם עולם האָט ער אויך געהאַט מסירת נפש פאַרען רבין, אין האָטשע עס איז געוועזען אַ גאַנץ קליינער מענטש האָט ער דעם רבין אַ גרויסע טובה געטהון. השי״ת זאָל אונז העלפען מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גיטען אין דעם זכות פון דיא הייליגע צדיקים זאָל אונז בייא שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה בקרב אמן:

---

# נָאךְ אַוְוינְדֶערלִיכֶע עֶרְצֶעהְלוּנְג פוּן דֶעם רֶבִּין ר׳ מָאטֶעלֶע טְשֶׁערְנָאבֶּעלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה:

דִיא זאַך איז בעֶוואוסט דאָס דער רבי ר׳ מאָטעֶלעֶ טשערנאָבעלעֶר זכרונו לברכה איז אַ סאַך אַרום געפאָהרען אויף דער מדינה אין עֶר האָט זיך געפּלעֶגט אויס צוא ביטען גרויסע סוממעס געֶלט, באָהר דיא וועלט האָט געוואוסט דאָס ער פלעגט פאַר דעֶם געֶלט שפייזעֶן דיא צדיקים וואָס זענען פערבאָרגען מיט זייער הייליגקייט אין זייא ווערען בייא דער וועֶלט גערופען מיט דעֶם נאָמען „ל״ו ניקעס״ וועֶלכעס זיין פאָטער דעֶר הייליגעֶר רבי ר׳ נחום האָט איהם נאָך יונגער הייט בעקאַנט מיט זייא אַזוי וויא מיר האָבען געֶשריבעֶן אין דעֶם חשובען ספר „בית נחום״:

אֵיינְמָאהְל איז דעֶר רבי ר׳ מאָטעֶלע געֶוועזען אין איין שטאָדט אין ער איז דאָרט געֶזעסען עֶטליכע טעג אַזוי ווִיא זיין שטייגער איז געֶוועזעֶן אין עֶר האָט דאָרט געמאַכט אַסאַך געֶלט, דעֶר נאָך ווען עֶר האָט שוין געֶוואָלט אַוועק פאָהרען אין אַ צווייטע שטאָדט אַריין אין דיא גבאים האָבעֶן שוין זיך געֶנומען צום פערפאַקען, איז איין יוד אַריין געקומעֶן צום רבי׳ן ר׳ מאָטעלע אין ער האָט אָב געגעֶבען אַקוויטעֶל אין וועֶלכען ער האָט געֶבעֶטען אַזוי וויא עֶר מאַכט מאָרגעֶן אַ ברית בעֶט ער דעֶם רבי׳ן עֶר זאָל אָבלייגען זיין נסיעה אויף אַטאָג שפעטער אין ער זאָל בייא איהם זיין אויפען ברית וועלכען ער איז דעֶם רבי׳ן מכבד מיט סנדקאות. דער רבי ר׳ מאטעלע האָט דעם יוד צוליעֶב געֶטהון אין ער האָט איהם געֶהייסעֶן אַרויס גיין צוא דיא משמשים אין זייא זאָגעֶן דאָס זייא זאָלען נישט פאַקען ווייל דער רבי לייגט אָב זיין נסיעה אויף דעֶם צווייטען טאָג, דער מענטש איז מיט גרויס שמחה אַרויס געגאַנגעֶן פון דעֶם רבי׳ן, אין ער האָט זיינעֶ ווערטער איבעֶר געגעבען דיא גבאים וועלכעֶ האָבען באַלד זייער פאַקען אָב געשטעֶלט. אין צוא מאָרגענס האָט דעם רבי ר׳ מאָטעלעֶ געֶדאַווענט באַלד אין דעֶר פריא אין עֶר איז געֶגאַנגעֶן אויף דעם ברית, אין ער איז דאָרט געֶוועזען סנדק. דיא שמחה פון דעם בעל ברית וואָס ער האָט זוכה געֶוועֶזען דאָס זיין קינד זאָל האָבעֶן אַזוי אַ הייליגען סנדק איז געוועזען אונבעשרייבליך. נאָך דעֶם ברית האָט מעֶן געגעבעֶן לעֶקיך

אין

אין בראָנפען אין פערשידענע איינגעמאַכטס, לכבוד דעס רבי'ן מיט דיא חסידים וועלכע זענען מיט איהם מיט געקומען אין מען האָט געטרונקען לחיים אַזוי וויא דער שטייגער איז, דערנאָך האָט דער רבי געפרעגט פער וואָס מען גרייט נישט צום טיש. האָט דער בעל ברית איהם גיענטפערט דאָס ער מאַכט נישט קיין סעודה. האָט איהם דער רבי גיפרעגט פער וואָס מאַכט איהר טאָקע נישט קיין סעודה. דען לויט וויא איך זעה זענט איהר זיך שטארק משמח. פאַר וואָס דען מאַכט איהר נישט קיין סעודה וועלכע איז אַ אמתדיגע סעודת מצוה, האָט דער בעל ברית גיענטפערט איך וואָלט זייער געוואָלט מאַכען אַ סעודה בפרט לכבוד דעם רבין, אָבער לײדער בין איך אַגרויסער אָרימאַן אין איך קען נישט מאַכען אַפילו קיין קליינע סעודה. דען דער לעקיך אין בראָנפען מיטען איינגעמאַכץ איז אויך געוועזען איבער דיא כוחות, אין איך האָב מיר דרויף געמיזט באָרגען געלט אויף אַ משכון. האָט דער רבי ר' מאָטעלע געזאָגט אויב אַזוי וועלען מיר מאַכען אפשר איך וועל אייך ציא שטייער געבען העלפט אין איהר גיט העלפט. האָט דער בעל ברית געזאָגט דאָס ער איז נישט ביכולת אפילו קיין העלפט צוא געבען האָט דער רבי געזאָגט אויב אַזוי וועל איך געבען צוויא דריטעל אין איהר גיט איין דריטעל דער בעל ברית איז אויף דעם •בעשטאַנען אין מען האָט צוא געגרייט אַסעודה אַזוי וויא עס דאַרף צוא זיין. בייא דער סעודה האָט דער רבי ר' מאָטעלע אָהן געהויבען ציא שמיסען וויא גרויס דיא מצוה פין אַ סעודה אין אַז מיט דער מצוה פין דעם וואָס מען מאַכט אַ סעודת מצוה איז מען זוכה בדין אין עס ווערען פער שטאָפט דיא מיילער פין דיא אַלע מקטריגים וואָס ווילען רעדען שלעכטץ אויף יודען אין דרובער לייגט זיך דער בעל דבר אַריין דרונען מיט אַלע כחות ער זאָל מאַכען אַ עיכוב מען זאָל קיין סעודת מצוה נישט מאַכען, ווייל דורך דער טענה פין דעם וואָס יודען מאַכען אַסעודת מצוה האָט דער מלאך מיכאל דער יודישער מליץ מנצח געוועזען דעם שטן. דיא מעשה איז אַזוי געוועזען:

אײנמאָהל האָט דער שטן געמאַכט אַגרויסען קיטרוג הייגו ער האָט אויס גירעכינט כמה וכמה עבירות וואָס דיא יודען האָבען עובר געוועזען אין ער האָט פערלאַנגט דאָס בית דין של מעלה זאָל דיא מעניש זיין מיט זייער האַרבע שטראָף. דער מלאך מיכאל דער

גרויסער

גרויסער יודישער מליץ איז געשטאנען און ער האט אזוי אלעס אויס
געהערט ליידער אבער האט ער איהם אויף דעם גאהר נישט געקענט
ענטפערען ווייל דיא אלע עבירות האבען זייא אין דער ווירקליכקייט
געטהון, אלזא עס איז זייער שלעכט גיוועזען עס האט שוין געהאלטען
דערבייא אז דאס בית דין של מעלה זאל ח"ו נאך קומען דאס פאדערונג
פון שטן און גוזר זיין דיא שלעכטע גזירות וועלכע ער האט פערלאנגט
איז אליהו הנביא געקומען צו לויפען צום הייליגען בארדיטשעבער ר' לוי
יצחק'ל דער מחבר פון בעוויסטען, טייערען חסידישען ספר קדושת לוי
וואס וויא בעוויסט איז ער געוועזען א גרויסער מליץ טוב אויף יודען
אפילו אויף דעם ערנסטען ער האט קיינמאהל קיין שלעכטעס נישט
געזעהן אויף קיין יוד, און אז ער האט אמאהל געטראפען א בעל עגלה
אנאויסטערלישען גראבען יונג שטייענדיג אין טלית און תפילין און שמירט
דעם וואגען לא די וואס ער האט איהם נישט דן געוועזען לכף הזב
נאהר פערקערט ער האט פון דעם אליין געמאכט א מליצה אויף יודען,
און האט געזאגט רבונו של עולם זעה נאהר א הייליג פאלק דיא האסט,
אפילו ווען זייא מיזען זיך איינרעכטען און שמירען דיא וועגען און נאך
אזעלכע מלאכות פחותות פערגעסען זייא אויך נישט איין מינוט אהן
דיר, און ווען ער איז געבוירען געוואהרען האט דער הייליגער בעש"ט
זכרונו לברכה געגעבען בראנפען און ער האט זייא געזאגט מיט גרויס
שמחה עס איז יעצט געבאהרען געוואהרען א נשמה וואס וועט זיין
א גרויסער מליץ טוב אויף יודען, און אליהו הנביא האט איהם דערציילט
וויא דיא זאך האלט, דער הייליגער קדושת לוי האט באלד זיך א עצה
געגעבען און ער האט אהנגעהויבען צו טענען בזה הלשון רבונו של עולם
אפילו עס זאל חלילה זיין אזוי וויא דער מקטרג זאגט דאס דיא יודען
האבען געזינדיקט און געטאהן דיא אלע מעשים רעים, אבער צו האבען
זייא ח"ו געמיינט דיך צו דערצערנען אדרבה יעדען יוד האט געהאט אין
זיין עבירה א כוונה צום גיטען ער האט געשווינדילט און משא ומתן ווייל
ער האט געדארפען האלטען קינדער אין חדר, התינה מאכען זיין
טאכטער מיט א בחור א בן תורה און א ירא שמים, און איהם געבען
קעסט ער זאל ווייטער קענען זיצען און לערנען , און אזוי אלע זאכען
וואס ער רעכינט אויס זעגען דיא אלע זאכען אדרבה געטהון געוואהרען
מיט דער כוונה אויף מקיים צו זיין דיין רצון און אונזערע הייליגע
חכמים לערנען אונז א עבירה לשמה איז גלייך וויא א מצוה דרובער

חאטשע

חאָטשע לכתחילה ווען זייא זאָלען קומען פרעגען א שאלה צו עֶר מעג טוהן דיא עבירה צוליעב עֶר זאָל קענען האלטען דיא קינדער אין חדר וואָלט איהם דאָס בית דין נישט מתיר געווען אָבער אז ער האָט שוין דיא זאַך אָבגעטהון וויא קען מען דאָס רעכענען פאַר איין עבירה. אליהו איז צוריק געפלויגען אין הימעל אריין אין איבער געגעבען דעם מלאך מיכאל דיא מליצה אין דיא טענות פון הייליגען קדושת לוי האָט דאָס געמאַכט א גרויסען רושם אין דאָס בית דין של מעלה האָבען אַלע מסכים געוועזען מיט דעם מלאך מיכאל אז דיא יודען זענען נישט אויסען מיט זייערע עבירות להכעיס דעם רבונו של עולם נאָהר פערקערט זייא מיינען נאָהר מצות דער שטן איז געבליבען צו טימעלט פון דעם וואָס עֶר האָט איין אינגענבליק אָהנגעוואָהרען זיין גאַנץ מאַטערניש אויף וועלכער ער האָט אזוי פיהל האָפענונג געלייגט, האָט ער זיך אָהנגערופען אָבער על כל פנים זאָל מען מיר חאָטש אויסווייזען פון וואַנען מען ווייסט אזוי זיכער דאָס דיא כוונה פון דיא יודען איז נאָהר צו דער מצוה וועלכע קומט אַרויס פון זייערע מעשים אין נישט צו דער עבירה:

דאמאלסט האָט דער מלאך מיכאל זיינע טענות בעגרינדעט מיט דעם פאַקט, אין עֶר האָט געזאָגט צו דעם שטן - די ווייסט דאָך פון דיא אלע בעלי עבירוניקעס אין דיא ביסט דאָה ביי זייא ווען זייא טוהן דיא פערשידענע עבירות וועלכעס דיא רעכינסט אַלע מאָהל אויס, האָסט די שוין געטראָפען א מאָהל א פאַקט דאָס אַ יוד זאָל טוהן איין עבירה ר״ל אין ער זאָל דערפין זיין אזוי פריילייך דאָס ער זאָל מאַכען א סעודה אַדרבה אַז א יוד טוהט ח״ו עפיס איין עבירה שעהמט ער זיך דער נאָך דעם קאָפּ אויף צו הייבען אפילו פאַר דעם וואָס ער ווייסט נישט דאָס ער האָט איין עבירה געטהון אין ער איז פיהל מיט חרטה עס גייט איהם ממש אין גאַנצען לעבען, אין אזוי וויא עֶס איז געוועזען שוין פיהל מאָהל דאָס מענטשען האָבען אוועק געגעבען זייערע גאַנצע מאַיאָנטקעס אבי פטור צו ווערען פון איין עבירה, ווען ער טוהט דיא עבירה מיינט ער נישט חלילה צו דער צערנען אין עובר צו זיין אויף דעם ווילען פון רבונו של עולם נאָהר דאָס פייער פון דעם יצר הרע וועלכעס ברענט אין איהם אזוי שטאַרק פערבאַרעשט זיין געדאַנק אין דערוּבער הייסט ער אפילו דאַמאָלט אַרעכטער אונס אין דער נאָך האָט ער דאָך אמתדיג חרטה דרויף אָבער לאָמיר זעהן אז א יוד איז זוכה צו טוהן א מצוה אין אפילו דאָרט וויא זיין קינד האָט ברויס צער

דערביי

פון דעסט וועגען ווערט ער מלא שמחה, אין ער מאכט אסעודה אין פרייט זיך וואס ער האט זוכה געווען מקיים צו זיין דיא מצוה פון השי"ת דער גאנצער בית דין של מעלה האבען ערקענט דיא בערעכטיגקייט פון דעם מלאך מיכאל, אין אויך דער שטן אליין האט געמוזט דרויף מודה זיין אין חתמנען זיך אויף דעם פסק אז דיא יודען זענען ריין פון דיא אלע עבירות וועלכע ער האט אויף זייא אהנגעמאסרט אין דיא יודען קומט צו האבען אלעס גוטס, דרובער פון דאמאלס אהן ארביט דער בעל דבר מבטל צו זיין יודען פון א סעודת מצוה מיט אלע זיינע קרעפטען. כדי ער זאל ח"ו זייא האבען מקטרג צו זיין. אין בעוה"ר האט איהם שוין געלונגען דאס ער האט כמעט מבטל געווען דיא סעודת מצוה פון סיום מסכת בייא מעהרסטענסטייל לומדים, אין אויך סעודת מלוה מלכה האט איהם געלונגען מבטל צו מאכען בייא אסאך פראסטע מענטשען, נאהר יעצט וויל ער זיך אויך נעמען מבטל זיין ח"ו דיא סעודת מצוה פון ברית מילה וואס דאס איז דיא ערשטע מצוה וועלכעס דאס קינד גייט אריין אין יודישקייט, אין דער פאטער דערלעבט דערמיט אז עס זאל פון איהם בלייבען א זכר צווישען יודען דרובער הייא לאנג איך וועל לעבען וועל איך זעהן מיט אלע כוחות אז איך זאל דאס נישט דערלאזען מבטל צו זיין ח"ו דיא סעודת מצוה אין איך בעט אייך וועלכע זענען דאה פערזאמעלט איהר זאלט אייך אויך משתדל זיין דרונען מיט אייערע אלע קרעפטען וועט קיין שום שלעכטץ קיין שליטה נישט האבען איבער קיין יודען אין מיר וועלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

## נאך אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם רבין ר' מאטעלע משערנאבעלער זכרונו לברכה:

דער בילגורייער רב הרב הגאון החסיד ר' יעקב מרדכי זכרונו לברכה, האט דערציילט. דאס ווען ער איז געווען רב אין פריצק, האט איהם דערציילט איין אלטער יוד וועלכער איז געווען פון דיא טשערנאבעלער חסידים אין ער איז געווען פון דיא מקורבים בייא דעם רבין ר' מאטעלע זכרונו לברכה. דאס זיין שטייגער איז געווען

דאס

דאס ער פלעגט אוועק צו פאהרען קיין טשערנאָבעל ערב ראש חדש אלול אין ער איז דאָרט געזעסען ביז נאָך סוכות אזוי פלעגט ער זיך אלע יאָהר צו פיהרען, אין ער האָט געהאַט אַ ברודער איז ער געוועזען אַ גרויסער תלמיד חכם אין אַ חסיד נאָהר ער איז געוועזען אַ פוילישער חסיד ער איז געפאָהרען צו דעם רבין ר' בונם זצ"ל. אין ער פלעגט אויך זיך אזוי נוהג צו זיין דאָס ער פלעגט אוועק צו פאָהרען קיין פרשיסחא ראש חדש אלול אין ער פלעגט זיך דאָרטען זאַהמען ביז נאָך סוכות. אין חאָטש דיא ביידע ברודער האָבען געוואָהנט אין איין שטאָט פון דעסט וועגען ווייל ער איז געוועזען אַ רוסישער חסיד אין זיין ברודער אַ פוילישער חסיד זענען זייא געוועזען אַ ביסעל פון דער ווייטענס, נאָהר עס האָט געטראָפען דאָס איינמאָהל איז ער אַ היים געקומען פון זיין רבין פון טשערנאָבעל אין ער איז תיכף אריין געלאָפען געוואָהר ווערען צו זיין ברודער איז שוין דאָה צוריק פון פרשיסחא, אין וויא ער האָט איהם געטראָפען האָט ער איהם געגעבען שלום מיט זייער אַ פריילעך פנים, אין ער האָט איהם געזאָגט ליבער ברודער דערצייל מיר וואָס הערט מען עפיס נייעס בייא דיין רבין אין פרשיסחא אין ווי איז דאָרט צו געגאַנגען דער יו"ט איבער הויפט הושענה רבה בייא נאַכט וואָס פאר אנייעס איז דאָרט פאָהר געקומען מיין ברודער האָט מיך אַהנגעקוקט מיט גרויס פערווינדערונג אין ער האָט מיך געפרעגט וואָס איז דיר עפיס הייגט איינגעפאַלען צו קומען פרעגען איך פאָהר דאָך שוין ב"ה נישט דאָס ערשטע יאָהר אין דיא ביזט נאָך נישט קיינמאָהל מיך געקומען פרעגען אדרבה ביסט געוועזען אביסעל פון דער ווייטענס פון מיר אין יעצט קומסט די עפיס אזוי פריילעך אין אינטערעסאַנט פרעגען וואָס בייא מיין פוילישען רבין הערט זיך:

איך האָב איהם דערציילט וועלכעס עס האָט מיך אזוי פעראינטערעסירט דיא מעשה איז אזוי געוועזען דעם הושענה רבה בייא נאַכט האָט מיך אונזער רבי אריינגערופען איך זאָל בייא איהם און סוכה בינדען דיא הושענות, דער רבי איז דערבייא געזעסען אין אויך אַ גרויסע עולם פון דיא גרעסטע מקורבים, האָט דער רבי אַהנגעהויבען צו דערציילען פערשידענע מעשיות פון דיא צדיקים וועלכע זענען שוין נסתלק געוואָרען אויפען עולם האמת אין געלויבט זייער גרויסקייט אין הייליגקייט, אין ער האָט אזוי געשמיסט ביז ער איז צו געקומען שמיסען אויך פון דיא הייליגע צדיקים וועלכע לעבען מיט אונז אין דעם דור אויף דער וועלט.

דעמאָלסט

דאמאָלסט האָט איינער פון דיא חסידים געוואָלט וויסען דעם רבינס מיינונג וועגען דיין רבין דער רבי ר׳ בונם פון פרשיסחא, און ער האָט עקסטרע אָהנגעהויבען צו רעדען פון דעם רבין ר׳ בונם. האָט דער רבי געזאָגט דער רבי ר׳ בונם פון פרשיסחא איז אַ הייליגער חכם און אַ גרויסער זייער בעהאַלטענער צדיק, און דרובער וויל איך האָב געהערט פון מיין רבין דאָס ער האַלט אַזוי גרויס דיין רבין דער רבי ר׳ בונם פון פרשיסחא. דרובער פרעג איך דיך הײַנט, מיין ברודער האָט זיך דרויף זייער פערוואונדערט און ער האָט מיר געזאָגט גיט וואָס דיא האָסט מיר דאָס דערציילט יעצט איז מיר שוין אויף רעכט וואָס איך האָב געהערט פון מיין רבין און פרשיסחא, דעם הושענא רבה האָט מיך מיין רבי אויף געהייסען אַריין רופען דאָס איך זאָל בייא איהם מאַכען דיא הושענות, און דיא גרויסע מקורבים זענען דערבייא געוועזען און סוכה דער רבי האָט אויף אַזוי אָהנגעהויבען צו רעדען פון פערשידענע צדיקים וואָס זענען שוין אויף דעם עולם האמת. ביז ער האָט אָהנגעהויבען צו שמיסען אויך פון דיא צדיקים וועלכע זענען דאָה און אונזער דור. ביז ער איז צו געקומען שמיסען פון דיין רבין ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער, האָט ער געזאָגט דער הייליגער רבי ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער האָט יעצט אַריין געלייגט אַלע זיינע הייליגע געדאַנקען און אונז, מיר אַלע וועלכע זענען דאָרט געוועזען האָבען מיר דיא זאַך נישט געקענט פערשטיין וואָס האָט עפיס דער רבי ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער אַזוי פיהל אַריין צו קלערען און אונזער רבין, יעצט פערשטייא איך שוין, פון דער מעשה קענען מיר זעהן וויא גרויס דער רוח הקודש איז געוועזען בייא דיא הייליגע צדיקים, און דיא גרויסע ליבשאַפט פון איינעם צום צווייטען דאָס חאָטש עס איז געוועזען אַזוי אַגרויס התרחקות צווישען דיא חסידים דאָס אַפילו צווייא ברודער וועלכע האָבען געוואָהנט און איין שטאָט זענען געוועזען פון דער ווייטענס איינער פון דיא צווייטען, און דער זעלבער צייט האָבען זיך דיא רבים אַליין איינער דעם צווייטען זייער געליעבט און געאַכטעט, דערובער דאַרף דער מענטש זיך זייער צו היטען חלילה נישט צו רעדען אויף קיין שום צדיק און אַפילו ער הערט דאָס זיין רבי רעדט אויף יענעם רבין זאָל ער נישט דאָס נאָכטהון, ווייל דער רבי ווייסט מסתמא דאָס ער טהוט מיט זיינע רייד יענעם רבין אַ טובה אַזוי וויא מען האָט געהערט פון פיעל צדיקים דאָס מיט זייערע רייד אויף דעם צווייטען צדיק האָבען זייא גאָהר געמיינט לטובה אָבער דיא

חסידים

חסידים וועלכע האָבען געוואָלט ווייזען זייער שאַרפקייט אין אויך רעדען אויף דעם צדיק האָבען זייא געהאַט דער נאָך אַ שלעכטען פסק ר״ל. אַזוי וויא עס ווערט געברענגט אין דעם ספר בית צדיקים פון דעם הייליגען ליבאַוויטשער רבין זכרונו לברכה, דאָס ער איז געוועזען בעפריינדעט מיט דעם הייליגען רבין ר׳ ברוכעל מעזעבעזער זכרונו לברכה, נאָהר איינמאָהל האָבען שלעכטע מענטשען אָהנגעמאַכט צווישען זייא אַ מחלוקת אין פין דעסט וועגען וויא גרויס דיא מחלוקת איז צווישען זייא געוועזען. האָט זיך איינמאָהל געטראָפען דאָס דער הייליגע ליבאַוויטשער רבי ר׳ שניאור זלמן איז געקומען צו פאָהרען קיין בערדיטשוב, טרייסטען דעם קדושת לוי׳ס בני בית און אין בערדיטשוב האָט געוואָהנט איינער פון דעם רבין ר׳ ברוכס חסידים ער איז געוועזען אַ גרויסער גביר. האָט דער חסיד נישט גענוויסט וואָס פאַר אַ עצה זיך צו טאָהן, זאָל ער אריינגייען צום רב, אפשר וועט דער רבי ר׳ ברוך האָבען אויף איהם הקפדה, זאָל ער נישט גייען איז דאָס אפשר אַ בזיון פאַר דעם רב, דרובער האָט ער זיך אַזוי בעשלאָסען דאָס דעם זעלבען טאָג וואָס דער רב וועט קומען זאָל ער אַוועק פאָהרען קיין מעזיבעז ביז דער רב וועט אַוועק פאָהרען פין בערדיטשעב ער האָט אַזוי געטאָהן:

וויא ער איז אַריין געקומען צום רבין ר׳ ברוכל שלום נעמען האָט ער איהם געפרעגט וואָס הערט זיך עפּיס אין בערדיטשוב און וויל ער ער האָט געוויסט דאָס דער ר׳ ברוך איז ברויגז אויף דעם רב האָט ער איהם געזאָגט בלשון בזיון דער ליטוואַק איז געקומען קיין בערדיטשעב דער רבי ר׳ ברוך האָט איהם געזאָגט דאָס ער וועט נישט האָבען קיין גיטען סוף צייטען ער וועט דעם רב איבער בעטען דרובער זאָל יעדען מענטש געוואָרענט זיין נישט מבייש צו זיין קיין צדיק אין דעם זכות וועלען מיר ניצול ווערען פון אַלעס ביין אמן: